בס"ד

שנה ה'
פרשת קרח
נומער 270

קרית ברסלב

אמעריקע באמבאדירט איראן
וועלטליכע נייעס

אכטע קלאס גראדועישאן
שטעטל נייעס

חתונות אין ישיבה בחינם
געשעעניש

# מסיבת חומש סעודה בן חמש שנים למקרא

שכח אייבערשטער אז מיר האבן מלמדים וואס האבן אזא הארץ, טראכטן ווי אזוי אכטונג צו געבן אויף די קינדער ווען זיי מאכן טעותים (עצתו אמונה ואתחנן תשפ"ג)



ברוכים הבאים בשם השם 13 אלע חשובע לומער געסל

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת קרח תשפ"ה • 270

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי׳ שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב וייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער ארײנשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארײנצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.




## קאנטרי אדער נישט?

13



## אויסגעגעבן אויפן שטענדער

14



## אמעריקע באמבאדירט איראנ׳ס נוקלעארע איינריכטונגען

8


4 שטעטל נייעס
7 אלץ און אלעמען
6 מעשיות פון תפילה
42 געשעענישן



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
קרח ב׳ תמוז

הדלקת הנרות . 08:19
מוצאי שבת ..... 09:50

**מנחה מעריב**
**פרשת חקת 9:35**









# היסטארישע געלעגנהייט

אי"ה אין צוויי וואכן ארום גייט צום דרוק
דער אלעם באקאנטן מורא'דיגע ספר

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## בתוספת כרכים: תורה • מועדים • שבת

יז חלקים + 3 בענדער: • מועדים • תורה • שבת • 20 בענדער!

פרייז צו קויפן/באשטעלן: ביז ר"ח תמוז **$249**

נאך ר"ח תמוז ~~$299~~

נאך יארן לאנג וואס אנ"ש קוקן ארויס זיך צו קענען איינהאנדלען דער געוואלדיגע סעט וואס שיינט אריין א קלארקייט אין חסידות ברסלב, קען מען שוין יעצט באשטעלן דעם הערליכן סעט! אזוי אויך קען מען נעמען א זכות צו דרוקן די הייליגע ספרים



### זכותים לע"נ אדער לכבוד א שמחה וכדו':

**$ 1,800**
זכות פון א מהדורה (איין באנד)
באקומט 1 סעט במתנה

**$ 500**
זכות עמוד אין איין באנד (Full page)

**$ 180**
איין נאמען אין יעדע באנד

כָּל הַשִּׂיחוֹת שֶׁלִּי שֶׁמֻּדְפָּסוֹת בְּסִפְרֵי "שִׂיחוֹת-מוֹהֲרָא"שׁ"
עַל זֶה יֵשׁ לִסְמֹךְ.
וְהַיּוֹם אֲשֶׁר נִמְצָא כְּבָר בָּעוֹלָם "שִׂיחוֹת-מוֹהֲרָא"שׁ"
כְּבָר לֹא צָרִיךְ אֶת אַף אֶחָד.
וְהַלְוַאי שֶׁכְּשֶׁאֲנִי הָיִיתִי בָּחוּר צָעִיר, שֶׁהָיוּ לִי אֶת הַשִּׂיחוֹת הָאֵלֶּה,
אָז לֹא הָיִיתִי צָרִיךְ אֶת אַף אֶחָד בָּעוֹלָם!
(אֲשֶׁר-בַּנַּחַל, וְשׁוּ"ת-בְּרֶסְלֶב)

**צו נעמען א זכות רופט: מנשה איצקאוויטש: 347-760-5924**

**צו באשטעלן א סעט רופט: לייבי ראטה: 347-578-4449**

052-7627128 TITI

# צייט צו שעפן נחת אין קרית ברסלב



## חומש סעודה אין שטעטל

זונטאג פרשת קרח איז פארגעקומען א גאר הערליכע מעמד חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש אינעם ברסלב'ן שטעטל, ווען די זיסע קינדערלעך פון כתה א' האבן זוכה געווען צו פייערן זייער מעמד התחלת לימוד חומש.

די זאל אינעם תלמוד תורה איז געווען אנגעפילט מיט עלטערן טאטעס, מאמעס זיידעס און באבעס וועלכע זענען געקומען שעפן נחת פון זייערע קינדער און אייניקלעך. די מעמד האט זיך אנגעהויבן מיטאג צייט ווען די קינדער האבן אריינמארשירט אינעם זאל, ווי זיי האבן געזונגען שיינע ניגונים לכבוד היום.

ווי איינגעפירט האבן זיי געזאגט די ערשטע פסוקים פון חומש ויקרא, און דערנאך האט דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א אויפגעטרעטן, און ארויסגעברענגט די גרויסע חשיבות פונעם מלמד וואס געבט זיך אזוי געטריי אפ מיט די קינדער, ער קוקט נישט נאר אויף "שארט טורם" נאר ער טראכט אויף שפעטער, די קינדער וועלן אויפוואקסן, און יעדער וועט שוין לאנג פארגעסן ווי קיוט ער פלעגט זינגען דער ניגון וואס דער מלמד האט אים אויסגעלערנט, און ווען די עכטע לעבן וועט זיך אנהייבן, וועט דער אויבערשטער זיין ביי זיי א זאך וואס מען נעמט ארויס איין אדער צוויי מאל א יאר ארויס פון שלעף, פסח ביים סדר, און פורים נאכמיטאג, אדער וועלן זיי לעבן מיט'ן אויבערשטן טאג טעגליך.

סתם אזוי ווען מען קוקט אויף די קינדער, זעט מען זיסע לעכטיגע קינדער, אזוי ווי אלע קינדער, אבער ווען מען רעדט מיט זיי זעט מען די ארבעט פונעם מלמד, די קינדער לעבן מיט אזא תמימות, זיי לעבן מיט'ן אויבערשטן, זיי זענען אויפגעבויעט און אנגעפילט מיט אמונה.

דערנאך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פונעם חשוב'ן מלמד הר"ר בערל שניטצלער שליט"א וואס האט געדאנקט דעם אויבערשטן אז ער האט די זכי' צו זיין מלמד, און ער קען פארברענגען זיין צייט מיט אריינלייגן אמונה אין קינדער. אזוי אויך האט ער געדאנקט דעם ראש ישיבה שליט"א פאר'ן אים געבן די געלעגענהייט זיך צו קענען אפגעבן מיט די קינדער.

דער ראש ישיבה שליט"א - וואס איז אויך געווען א זיידע פון איינע פון די קינדער, האט דערנאך אויפגעטרעטן, און ארויסגעברענגט אז מען כאפט נישט די חשיבות פון א מלמד, וויפיל כחות ער לייגט אריין, ביז ווען דער מלמד קען אמאל נישט קומען, און מען דארף א סאבסיטוט, דעמאלט קען מען זען די גרויסע כחות פון א מלמד.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארציילט א מעשה וואס איז געווען פאריגע וואך, ווי ער האט מיטגעהאלטן וויאזוי דער מלמד האט באהאנדעלט א קינד, אזוי קלוג און איידל, זיך אפגעגעבן מיט

אים, אין די צייט וואס מען וואלט זיך געקענט רעגן אויפן קינד און אים חלילה פארשעמען.

דער ראש ישיבה האט דערנאך גערעדט איבער דעם וואס מען פירט זיך אז מען הייבט אן מיט קליינע קינדער לערנען חומש ביי "ויקרא" וואס האט א קליינע "אלף", ווייל דאס איז א חדר, מען לייגט אריין דעם "אלף" דער אויבערשטער וואס איז דער "אלופו של עולם" אין די קליינע קינדער.

מיר אלע - האט דער ראש ישיבה געזאגט - לערנען אויך אין חדר, דער הייליגער רבי איז אונזער מלמד, און ער לייגט אריין אין אונז דעם אלופו של עולם, ער לערנט אונז אויס צו בעטן דעם אויבערשטן יעדע זאך.

נאכ'ן מעמד האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכע ריקוד, און די קינדער האבן באקומען א פערזענליכע סידור, מיט זייער נאמען ארויפגעקריצט מיט גאלדענע אותיות.

נאך די חומש סעודה איז דער ראש ישיבה געגאנגען קוקן נעבן די חדר ווי מען האט אראפ געווארפן אן אלטן געביידע וואס מען האט אפגעקויפט, צו מאכן דארט א פלעי גראונד די קינדער זאלן קענען שפילן.

# מיידלעך פון אכטע קלאס פראווען זייער גראדועישאן אין שטעטל



זונטאג פרשת קרח נאכמיטאג איז פארגעקומען אין שטעטל די גראדועישאן פון די מיידלעך פון די אכטע קלאס וואס גייען אריין אין היי סקול, די גראדועשאן איז געווען קאמבינירט פון די תלמידות פון ביידע בית פיגא סקולס, סיי פון וויליאמסבורג און סיי פון שטעטל.

דער ראש ישיבה האט זייער געוואלט מען זאל דאס מאכן אין די אודיטאריום פונעם ליבערטי היי סקול, זאגענדיג אז דאס האט דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע אזוי געטון אנפאנג ווען מען האט אנגעהויבן מאכן גראדועישאנס ביי זיין מוסד.

פאריאר האט מען שוין געבעטן פון זיי דעם פלאץ, אבער זיי האבן זיך אלץ ארויסגעדרייט מיט אלע מיני תירוצים, אבער ב"ה דאס יאר איז עס צושטאנד געקומען; און עס קומט זיך טאקע א גרויסן דאנק פארן געטרייען הנהלה מעמבער מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו וואס האט געארבעט דערויף זייער שווער, און נאכן בעטן דעם אייבערשטן האבן זיי דאס געקריגן.

צום באשטימטן זמן זענען זיך דארט צוזאם געקומען פילע מאמעס און באבעס, וואס זענען געקומען הנאה האבן פונעם הערליכן פראגראם, אזוי אויך פילע משפחות פון שטעטל זענען געקומען מיטהאלטן דעם ערשטמאליגן מעמד פון א היי סקול גרעדועשאן אויף אזא הערליכע פארנעם.

עס האט אויפגעטרעטן די געטרייע פרינציפל מרת לעסער תחי', וואס האט ארויסגעברענגט פאר אלע פארזאמעלטע די מטרה פונעם סקול, פארוואס האבן צדיקים איינגעפירט אין אמעריקע אז מיידלעך זאלן קומען אין שולע און לערנען, און וואס מען לייגט אריין אין די קינדער, מען גרייט זיי צו צום לעבן מיט די ריכטיגע טולס, זיי זאלן וויסן וואס איז חשוב, און וואס איז נאריש, און זיי זאלן זיין קלוג און נישט זוכן צו זיין גערעכט...

די מיידלעך האבן געזונגען א שיינע אידיש ליד אין גראמען וואס האט ארויסגעברענגט וואס מען לערנט מיט זיי אין סקול, און די אמונה וואס די טיטשערס און סטעף לייגן אריין אין זיי.

ווי מען געבט איבער איז דארט נישט געווען קיין עיר קאנדישאן, (זעט אויס אז די פאבליק סקול דארפן עס נישט אזוי וויכטיג האבן) אבער טראצדעם זענען אלע פארזאמלטע געזיצן דארט פון אנהייב ביזן סוף, נישט וועלענדיג פארפאסן קיין איין רגע פונעם הערליכן מעמד.

עס איז געווען א גוטע געלעגענהייט צו מיטהאלטן פונדערנאנט די געוואלדיגע ארבעט וואס מען לייגט אריין אין די קינדער פון בית פיגא, די קינדער האבן אזוי שיין ארויסגעברענגט מיט זייער רעדן און זינגען וואס בית פיגא געבט פאר זיי אינעם טאג טעגליכן לעבן, די לויטערע שיינע אמונה וואס מען לייגט אריין אין זיי, די געשמאקע לעבן וואס מען האט ווען מען לעבט מיטן אייבערשטן און מען זוכט נאר אים צו געפעלן.



# מעשיות פון תפילה

## שמעון עוזר מיטעלמאן

מאנסי

דעם פארגאנגענעם ערב ל"ג בעומר האבן אסאך פליגערס געקענסלט די פלייטס ממש פאר ל"ג בעומר. אויך אונזערע טיקעטס זענען אפגעזאגט געווארן. איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן נאך קענען מאכן נייע טיקעטס מיט די עירליין וואס פליעט יא און צוגעזאגט עס אריינצושטעלן אין בלעטל.

שכח אייבערשטער, איך האב אנגערופן די עירליין און באקומען ממש די לעצטע פאר טיקעטס. מיר האבן נאך געקענט באקומען א "סטרעיט פלייט", נישט טייער און דערצו זיצן מיט עקסטערע "לעג רום" פאר די זעלבע פרייז.

אפאר שעה שפעטער איז שוין נישט געווען קיין טיקעטס צו באקומען...

די נסיעה איז געווען ספעציעל באקוועם און אנגענעם, אזא סארט אפגרעיד וואס מען באקומט נאר דורך תפילה.

## חיים שלמה ראבינאוויטש

צפת

איך לערן אין איין ישיבה מיט דובי ווייצהענדלער וואס האט חתונה געהאט לעצטענס, פארשטייט זיך איך בין געווען ביי זיין חתונה. ברוך השם עס איז געווען א שיינע שמחה, מ'האט אסאך געטאנצן, און אויך געווארן ברוך השם פארשוויצט.

איך האב געוואלט כאפן א גוטע שויער נאך די חתונה.

די זאך איז אז נארמאל פון עלף אינדערפרי ביז בערך די נץ איז נישטא קיין הייסע וואסער אין מקווה, אבער איך וויל דאך כאפן א שויער, וואס טוט מען?

אה מ'קען בעטן דעם אייבערשטן, מיר ווייסן דאך אז תפילה קען אלעס טוישן.

שכח אייבערשטער מיט תפילות האב איך געהאט א גוטע הייסע שויער ערגעץ ווי אינמיטן די נאכט.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## די ווייסעכל פונעם איי

### שאלה

**וויאזוי ווערט אייער פארהארטעוועט און ווייס נאכ'ן קאכן?**

### ענטפער

אן אינטערעסאנטע אבזערוואציע - וואס עס קען זיין אסאך האבן זיך שוין געוואונדערט, וויאזוי ווערט אן איי גענצליך איבערגעטוישט, סיי אין סטרוקטור און סיי אין קאליר נאכ'ן ווערן אפגעקאכט.

די איי ווייסל באשטייט בעיקר פון וואסער און פון א געוויסע פראטין וואס הייסט אלבומען. ווען די איי איז רוי, שטייען די פראטין שטיקלעך יעדער פאר זיך, אויף א אזא וועג אז עס לאזט דורך ליכטיגקייט (וואס אזא צושטאנד רופט מען "דורכזיכטיג").

נאכדעם וואס עס ווערט אנגעהיצט, עפענען זיך די פראטין מאלעקיולן און זיי שטעלן זיך צוזאם און כאפן זיך אן פעסט, וואס דאס איז גורם אז די ליכטיגקייט קען מער נישט דורכגיין, און מען זעט דעם ווייסן קאליר, אזוי אויך ווערט עס שטייף און הארט און לאזט זיך מער נישט רינען.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן ווען א מענטש גייט דורך א צרה, איז עס נישט "פערצופאל" אז דער איז שולדיג, יענער איז שולדיג, עס איז א שאד צו באשולדיגן דיין טאטע, דיין מאמע, דיין ווייב אדער מאן אין אלע דיינע צרות. ווייל עס איז נישט זיי. עס איז דא איינער - דער באשעפער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט, וואס האלט די גאנצע וועלט, און יעדע דומם צומח חי אדער מדבר איז איין שטיק אלקות, עס איז גארנישט דא אויסער אים, ער שטייט אונטער אלעם, און די "היץ" וואס דו גייסט דורך איז נאר דיר בעסער צו מאכן.

יעצט ביסטו ליידיג, דו פארגעסט ווער עס האט דיר באשאפן, דו פארגעסט פארוואס דו ביסט דא אויף דער וועלט, דער באשעפער קאכט דיר אביסל אויף, זאלסט ווערן אויסגעלייטערט, ווייס און ריין, זאלסט באקומען שטארקייט.

אלעס וואס דו גייסט אריבער איז נאר פאר דיין טובה. דריי דיך אויס און קוק ווער עס קלאפט דיר אויפן רוקן וועסטו זען אז עס איז דיין בעסטער חבר, וועסטו אויפהערן צו זיין ברוגז אויף די גאנצע וועלט. עס איז דער אייבערשטער וואס וויל זען וואס דו גייסט טון, און צו וועם דו וועסט אנטלויפן ווען דו האסט א צרה.

עס איז נישטא וואו צו לויפן ווען מען גייט דורך שוועריקייטן. נאר דער אייבערשטער קען דיר העלפן, און נאר ער וויל דיר העלפן, און אויב דו אנטלויפסט צו אים ביסטו א געהאלפענער.

צום הייליגן סאטמאר רבי'ן זי"ע איז אמאל אריינגעלאפן א פאר'צרה'טער איד מיט בכיות נוראות, דער איד האט מיטגעמאכט שבעה מדורי גיהנום אין אוישוויץ, איבערגעלאזט על קידוש השם א גאנצע משפחה, א ווייב מיט קינדער, און נאך די מלחמה האט ער ווידער אויפגעשטעלט א משפחה, און יעצט איז מען אים געקומען זאגן די בשורה אז זיין איינציג קינד איז נעבעך אומגעקומען אין אן עקסידענט ל"ע.

דער הייליגער צדיק האט אים אנגעקוקט און מיטגעוויינט. נאך עטליכע מינוט זאגט אים דער רבי: "איך האב אויך פארלוירן א ווייב, אלע מיינע קינדער, ווען איך שפיר אז איך האלט עס מער נישט אויס, אנטלויף איך צו די גמרא", ווייל נאר ביים אייבערשטן און ביי די הייליגע תורה, קען מען טרעפן א טרייסט. נאר דאס קען העלפן א מענטש.

**מה רבו מעשיך ד'.**

**גרשון קרעמער**




# אמעריקע באסטער באמבעס פארניכטן איראנ'ס דריי הויפט נוקלעארע איינריכטונגען

שבת נאכמיטאג האט אמעריקע דורכגעפירט א איבערראשענדע אטאקע וואס זי האט א נאמען געגעבן 'מיטלנאכט האמער' (מידנייט האמער) און אטאקירט דריי איראנער נוקלעארע איינריכטונגען אין פארדו, איספאהאן און נאטאנז. בשעת פארדוי וועלכע איז א פלענט פארפאנצעטערט מיט בערג צוויי-דריי הונדערט פיס אונטער די ערד איז געווען דער עיקר ציל.

צווישן אנדערע האט אמעריקע גענוצט פילע העכסט פארגעשניטענע B-2 פליגער אנגעלאדנט מיט פערצן דרייסיג-טויזנט פונטיגע בונקער באסטער באמבעס. די פליגער זענען געפארן אכצן שעה אן אפשטעל אין די לופטן פון מיזורי אמעריקע קיין איראן, און זענען כסדר געפיטערט געווארן מיט ברענשטאף דורך עטליכע מיליטערישע ריפיול פליגער וועלכע האבן זיי באגלייט.

נאר אמעריקע - זאגט מען - האט די בונקער באסטער באמבעס וואס קענען אריינגיין אזוי טיף, ביז צוויי הונדערט פיס אונטער די ערד און דארט אויפרייסן, אבער עס איז דא א בונקער באסטער באמבע וואס מענטשן נעמען זיך אליינס, דער ראש ישיבה שרייבט "מען הערט אין די נייעס ווי מען קען איינפלאנצן א באמבע אין א טעלעפאן און דער מענטש ווערט גע'הרג'עט, איז דאס פאר מיר א לימוד אז דער טעלעפאן איז א באמבע וואס הרג'ט מיך, עס נעמט אוועק מיין יראת שמים, מיין תמימות, מיין נאאיוועקייט."

"מענטשן פרעגן" - האט דער ראש ישיבה היינט געשריבן - "צי די מלחמה יעצט מיט איראן איז מלחמת גוג ומגוג." אויף דעם זאגט דער ראש ישיבה אז ער האט מקובל פון מוהרא"ש ז"ע אז די מלחמה צווישן גוג און מגוג איז אינעם מענטש אליין, אינעם מח, און אינעם הארץ, ווי דער רבי האט געזאגט (און ווערט געברענגט אין ספר הקדוש ויואל משה) אז "פאר משיח וועט קומען וועט אראפ קומען א מבול פון כפירות און אפיקורסות."

דער ראש ישיבה בעט זיך: "קוק נישט קיין שום פאדקעסט, קוק נישט קיין קליפס. ווארף אוועק די טעלעפאן, עס איז א גרויסע סכנה, מען קען אינגאנצן אוועק פאלן." דער ראש ישיבה בעט זיך ווייטער, "ווער איז דיין רבי? וועם פרעגסטו דיינע שאלות? פרעג אים אויב דו זאלסט האבן דיין טעלעפאן, אדרבה, איך וויל הערן ווי דיין ערליכער איד, דיין מורה דרך - זאגט דיר אז דו קענסט האבן א טעלעפאן, טעבלעט לעפטאפ - וואו מען זעט קליפס, אינטערוויאס, פאדקעסט פון ליצנות און פון כופרים בה'; איך גלייב אז קיין איין דיין וועט דיר דאס מתיר זיין."

"מען איז פארנומען מיט די נייעס, מיט די מלחמה פון איראן; די מלחמה מיט די טעלעפאן איז סאך א שווערערע מלחמה ווי די מלחמה יעצט מיט איראן, עס איז סאך א גרעסערע סכנה; וויפיל באמבעס פלאצן טאג טעגליך, וויפיל יראת שמים ווערן אוועק גענומען, וויפיל פארלירט מען פון דעם..."

"עס טוט מיר זייער וויי אז אלעס פרעגסטו מיר און אלעס טוסטו - ביז די טעלעפאן, דאס פארשטייסטו בעסער."

טראמפ זאגט אז ער האפט אז מיט דעם איז אמעריקע פערטיג, און איראן וועט שוין זיין וואויל, ווייל אויב נישט, וועלן זיי ביטערע חרטה האבן. איראן זעט נישט אויס ווי זיי ברעכן זיך, און סטראשען ווייטער און זאגן אז זיי געבן זיך נאך אלץ נישט אונטער.

לאמיר זיך פארנעמען און ארויסנעמען פון די נייעס אז מיר דארפן שטיין ווייט פון די טעלעפאנען און כלים וועלכע זענען אנגעפילט מיט בונקער באסטערס, און קענען אריינדרינגען טיף אין א אידיש הארץ און נעבעך אויפרייסן דארט.

**הנה לא ינם ולא ישן שומר ישראל!**





# פעדעראל רעזערוו לאזט ראטעס ביי איר יעצטיגן שטאפל

ווי עקאנאמיסטן האבן ערווארטעט, האט דער פארזיצער פון די פעדעראלע רעזערוו באנק געמאלדן אז די בארגן אינטערעסט ראטעס וועלן יעצט נישט געשניטן ווערן, און עס וועט בלייבן ביי די יעצטיגע שטאפלען פון 4.5 ביז 4.25 פראצענט, וואס איז געשטעלט געווארן מיט א האלבע יאר צוריק.

די בארגן ראטע פון די פעדעראלע רעזערוו האט א השפעה אויף אלע בארגן ראטעס אין אמעריקע, סיי וויפיל די בענק בעטן ביים ארויסנעמען א מארטגעדש, ביים קרעדיט קארד, און אזוי אויף פארקערט, וויפיל די באנק וועט צאלן פאר די וואס האבן געלט אין זייערע סעיווינגס אקאונט.

מיר אלע ווייסן די גרויסע חורבן פון בארגן געלט, דער ראש ישיבה איז אלץ מעורר ווי שטארק חובות קענען חרוב מאכן א מענטש, בשעת גאר אסאך פון די גרעסטע הוצאות פון לעבן - בפרט ביים חתונה מאכן - זענען גענצליך איבעריג. די איינציגסטע סיבה פארוואס מען געבט אויס אזעלכע געלטער איז נאר צו הייסן "נארמאל" און צו געפעלן פאר אנדערע.

די אלגעמיינע אמעריקאנע לעבנס שטייגער - אבער, לעבט אויף הלוואות און אויף חובות. מיליאנען אמעריקאנער מעקסן נעבעך אויס זייערע קרעדיט, און די זעלבע זאך די ביזנעסער לעבן זייער אסאך אויף קרעדיט ליינס. און פארשטייט זיך יעדער וויל באצאלן וואס וויינינגער ריבית אויף זייערע הלוואות.

טראמפ וועלכער רעדט זיך איין אז ער פירט די וועלט, איז געווען זייער ברוגז אז די פעדעראל רעזערוו - וועלכע איז א זעלבסטשטענדיגע אפטיילונג אין די רעגירונג - האט זיך נישט גערעכנט מיט זיינע רעקאמענדאציעס, און האט ווי א טיפישער גוי - אנגערופן דעם פארזיצער מיט נעגאטיווע צונעמען.

די פעדעראלע רעזערוו האט געזאגט אז כאטש זיי שניידן נישט יעצט די ראטעס, האפן זיי עס צו שניידן אין די נאנטע צוקונפט צוביסלעך, און עס נידערן עווענטועל מיט א גאנצע פראצענט.

מיר וועלן ווייטער ארויסהערן צדיקים וואס לערנען אונז אויס א זיסע וועג וויאזוי צו לעבן ברוחניות ובגשמיות, דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז ענדערש זאל מען זיין שולדיג פאר זיך "איך וועל ענדערש זיין שולדיג פאר מיר א נייע הוט, אדער א נייע קאר, ווי איידער זיין א קנעכט פאר אנדערע מענטשן, זיך אנבארגן, און נישט קענען אפילו הנאה האבן פונעם קאר אדער קאוטש, ווען דער מח איז צוקוועטשט און אנגעשטרענגט צוליב די חובות.

פאר'ן אייבערשטן זענען מיר אבער שולדיג אסאך, מיר האבן גרויסע חובות, מיר זענען אים שולדיג אונזער לעבן, אונזערע עלטערן, אונזערע מאן/ווייב, אונזערע קינדער, און יעדע זאך וואס מיר פארמאגן. דער אייבערשטער בעט פון אונז אז מיר זאלן עס אנערקענען, ער וויל אונז געבן נאך אסאך גוטע השפעות, מיר דארפן אבער אים דאנקען און זאגן "באשעפער, א יישר כח", וועט ער אונז געבן נאך אסאך מער.

רבי נתן פלעגט זאגן ווען איינער זאגט שכח אייבערשטער, ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ער האט, זאגט דער אייבערשטער "דאס הייסט גוטס? איך וועל דיר געבן אסאך מער אויף וואס צו דאנקן". ווידעראום איינער וואס רעדט זיך אפ, עס פעלט מיר דאס און עס פעלט מיר יענץ, זאגט דער אייבערשטער "דאס הייסט פעלן? איך וועל דיר ווייזן וואס עס הייסט נישט האבן". במילא איז אלץ בעסער צו דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אויף וואס מען האט.

**לי הכסף ולי הזהב!**

## געדאנקען

# דער מיטליעריגער איד
## אין סטעישן וועיגן

ע ס איז געווען מחי' נפשות צו הערן ביי שלש סעודות פרשת בהעלותך נאכאמאל די יסודות'דיגע שמועס אז א מענטש מוז זען גוטס אין זיך, ס'איז געווען א דערקוויקעניש צו הערן ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר אינעווייניג די תורה "אזמרה" אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רפ"ב, ווי דער רבי האט אונז "געווארנט" צו גיין מיט די תורה, ווייל אן די נקודה פון זען גוטס אין זיך פאלט מען אריין אין א יאוש, און מען טוט נישט דאס ביסל וואס מען וואלט יא געקענט טון.

אבער צושטייטעלעך, מיר האבן שוין דא דעם ראש ישיבה ברוך השם פאר דריי וואכן צום גוטן, ס'איז דא אסאך צו שרייבן. מ'האמיר געהאט שבת במדבר, שבועות, שבת נשא, שבת בהעלתך, ס'האט זיך געגאסן שיינע הערליכע שיחות און שמועסן, חוץ מזה איז געווען נאך שיינע פאסירונגען אין קהילת היכל הקודש, מיטוואך נשא און זונטאג בהעלותך איז געווען חתונות אין ישיבה, בייביידע זעמיר געווען מיט'ן שטריימל אלץ מחותן, ברוך השם מען גייט אויף שמחות, ברוך השם מען גייט אויף חובות'לאזע שמחות, ברוך השם מען גייט אויף שמחות וואס איז נישט געבויט אויף "וואס טוט דעררררוילעם" נאר אויף וואס דער אייבערשטער הייסט.

ערב שבת קודש פרשת במדבר 4 נאכמיטאג האמיר געהערט אז דער ראש ישיבה גייט יעצט צו די שטוב פון אונזער טייער'ן איידעם מו"ה שמעון איינהארן נ"י צו קלאפן א מזוזה, ביז א מינוט צוויי זעמיר שוין געווען דארטן.

ווען איך בין אנגעקומען איז דער ראש ישיבה געזיצן און געשמועסט מיט אונזער חשוב'ן מחותן, מו"ה שאול חיים נ"י, דערנאך האט דער ראש ישיבה געטיילט שיריים פון מזונות.

פרייטאג צו נאכטס, שבת קודש במדבר, נאכ'ן גוט-שבת זאגן, אויפ'ן וועג ארויס פון שול (יענעם שבת האט מען געדאוונט אין דעם קלענערן היכל, נישט אין די נייע היכל דוד) איז געווען א שטיקל שמועס פאר'ן ארויסגיין ביי די טיר אויף מעריב זייט, איינער האט זיך אנגערופן אז צופרי ווען ער גייט צו די קאר רעדט ער צום אייבערשטן צוויי מינוט, האט דער ראש ישיבה געזאגט דו גייסט צופרי מיט די קאר אין שולל?! דו וואוינסט דאך אזוי נאנט! א שאד נישט צו גיין צופיס און שמועסן מיט'ן אייבערשטן! ס'האט דאך אלע טעמים!

שבת קודש במדבר, צופרי ביי סיפורי מעשיות, האט מען געהאלטן ביי סוף פון די מעשה פון בערגיר ועני, אינמיטן איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס אז מען דארף האלטן די ווייב חשוב און טייער אזוי ווי ביום החופה. אויפ'ן סטעידזש נעבן דער ראש ישיבה איז געזיצן החתן מו"ה מרדכי איידליס נ"י. און דער ראש ישיבה האט נאכאמאל דערציילט די מעשה ווי ער איז אהיימגעפארן פון די חתונה אין די סטעישן וועיגן פון דעם וואס האט גע'בדחן'ט ביי די חתונה.

דער ראש ישיבה'ס חתונה איז געווען אין די דעמאלטס'דיגע זאל וואס האט געהייסן בשעתו "קאנקארד פלאזא", אויף בעדפארד עווענוי, צווישן פלאשינג און פארק. היינט איז אויפ'ן זעלבן אדרעס די ריזיגע "הצלחה סופערמארקעט".

ווען די חתונה האט זיך געענדיגט, האט מען זיך ארומגעקוקט אין זאל ווער קען אהיימטראגן חתן כלה צו זייער דירה אויף סאוט אכטע סטריט, למעשה איז חתן כלה אהיים מיט דעם בדחן וואס האט זיי אפגעפירט מיט זיין סטעישן וועיגן.

אזוי זיצנדיג אין סטעישן וועיגן, טראכט דער ראש ישיבה צו

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

זיך, צו קען עס זיין אז דער איד דא אין סטעישן וועיגן זאל זיין אזוי פרייליך ווי איך, א חתן ביום חופתו? זאל מען זאגן אז יא? שוווער צו גלייבן..... זאל מען זאגן אז ניין? נו, איז דאך גאר הארב די קושיא וואס קומט יעצט, צו וועל איך באלד זיין א מיטליעריגער איד וואס קען נישט זיין אזוי פרייליך ווי א חתן ביום חופתו?! געוואלד! וואס גייט דא פאר! יעדער חתן מוז צוביסלעך פארלירן זיין פרישקייט?! עס מוז געטראפן ווערן א ענטפער אויף די מרפסן-איגרא'דיגע קושיא!

אן דעם רבי'ן איז עס טאקע א הארבע קושיא! אבער אז מען לעבט מיט א צדיק קען מען זיין פרייליך יעדן טאג פון לעבן. אז מען טראכט פון דעם אייבערשטן איז מען פריש און מונטער און פרייליך, און אז מען פארגעסט חלילה איין מינוט פון דעם אייבערשטן, און עס ווערט קאלעמוטנע אויפ'ן הארצן, מוז מען האבן א צדיק וואס דערמאנט כסדר אז דער באשעפער איז דא און אזוי ווערט מען צוריק פרייליך.

> אזוי זיצנדיג אין סטעישן וועיגן, טראכט דער ראש ישיבה צו זיך, צו קען עס זיין אז דער איד דא אין סטעישן וועיגן זאל זיין אזוי פרייליך ווי איך, א חתן ביום חופתו? זאל מען זאגן אז יא? שוווער צו גלייבן..... זאל מען זאגן אז ניין? נו, איז דאך גאר הארב די קושיא וואס קומט יעצט, צו וועל איך באלד זיין א מיטליעריגער איד וואס קען נישט זיין אזוי פרייליך ווי א חתן ביום חופתו?! געוואלד! וואס גייט דא פאר!

ביי שלש סעודות, פרשת במדבר, האט מען פארגעלערנט שיחות הר"ן סימן ב', אז עס איז גוט מען זאל יעדן צופרי איבערגעבן דעם טאג צום אייבערשטן, ספעציעל ווען ס'קומט צו א יום טוב, געבט מען זיך איבער צום אייבערשטן, ווי אזוי דער אייבערשטער וועט וועלן אזוי איז גוט.

ליל ששי פרשת נשא, ביי די דאנערשטאג נאכט שיעור, האט דער ראש ישיבה איבערגע'חזר'ט וואס מען האט גערעדט שבועות, אין שיחות הר"ן, סימן צ"א, א סגולה פאר התמדת התורה אז מען זאל נישט רעדן שלעכטס אויף קיין שום איד, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז מען זאל אויך נישט קוקן שלעכט אויף זיך אליין, די אלע וואס קוקן שלעכט אויף זיך, דאס איז גורם זיי זאלן קוקן שלעכט אויף זייער מאן / ווייב / קינדער, און דאס איז גורם זיי זאלן ווי טון זייער מאן / ווייב / קינדער, דאס קוקן שלעכט אויף זיך איז א אנשטעקיגע מחלה וואס דער מענטש שטעקט אן זיינע ארומיגע מיט דעם, ער פארשפרייט א פאר'סם'טע נעגאטיווע לופט ארום זיך און זיינע נאנטע קענען ממש קראנק ווערן פון דעם.

דער ראש ישיבה האט מיר דאס אמאל געזאגט לגבי ארבעטן ביי איינעם, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז יענער איד האט נעבעך די מחלה פון מענטעלי קראנק מענטשן ארום זיך, ס'איז נישט אזוי אמבעסטן צו ארבעטן פאר אים.

(ס'איז דא וואס זאגן אז מענטל אביוז איז סאך ארגער ווי פיזיקל אביוז און ווערבל אביוז, איבער דעם אן אנדערן מאל בע"ה).

ביי די שאלות פון מו"ה אהרן קליטניק נ"י און אנדערע, האט מען גערעדט צו מען קען פארן קיין אומאן מיט די מוצאי שבת פלייט, האט דער ראש ישיבה געזאגט, "פארוואס זאל מען זיין אזוי אויסגעמוטשעט גאנץ ראש השנה?! פארוואס זאל מען נישט קומען פאר שבת און אביסל קומען צו זיך צו קענען האבן א רואיגערע ראש השנה?!"

"אז איינער האט א ספעשל סיטשיועישן, מילא, אבער סתם אזוי איז מער מעלה," האט דער ראש ישיבה געזאגט, "נישט אריינצופאלן אינעם ראש השנה אזוי אינגאנצן אויסגעמאטערט, בעסער זיך עטוואס דערכאפן די נשמה איידער דער יום טוב קומט אריין."

שבת קודש פרשת נשא, אינמיטן קריאת התורה, איז איינער

אנגעקומען שפעט אין שול, דער ראש ישיבה האט אים צוגערופן צו זיך צום באלעמער און געזאגט, און אז דיין איידעם שטייט אויף שפעט וועט דיך עס באדערן?! שפעטער האט אים דער ראש ישיבה צוגערופן און איבערגעזאגט די זעלבע זאך נאכאמאל, איך פארשטיי דיך נישט! וואס איז פשט?! און אז דיין איידעם שטייט אויף שפעט וועט דיך עס באדערן?! זאג מיר וואס איז די פשט פון דעם?!

שבת קודש בהעלותך, צופרי ביי סיפורי מעשיות, האט מען פארגעלערנט מעשה י"א, דף רמ"ו, ויהי היום איז דער מלך געפארן מיט זיינע שרים כאפן חיות, זיי זענען געקומען צו א שיין ארט, האבן זיי געוואלט שפאצירן, האט דער מלך אנגעהויבן טראכטן פון די עולה, וואס ער האט פארטריבן דעם בן השפחה.

האט דער ראש ישיבה אויסגעטייטשט אז דאס וואס שטייט דא שפאצירן, מיינט גיין התבודדות, וויבאלד ער איז געגאנגען שמועסן מיט'ן אייבערשטן האט ער אנגעהויבן זען די פעלער וואס ער טוט, און די זעלבע זאך דער בן השפחה, גלייך ווי ער איז געגאנגען שפאצירן / שמועסן מיט'ן אייבערשטן האט ער געכאפט די אומערכט וואס ער טוט אז ער שיכור'ט און טוט עבירות רחמנא ליצלן.

מען קען אפשר צו לייגן נאך א קנייטש, אז וויבאלד ער האט נאר "געוואלט" שפאצירן, האט ער שוין געהאט א הרהור תשובה, נאר פון "וועלן" רעדן צום אייבערשטן.

און נאכמער, וויבאלד דער בן מלך האט נאר געוואלט גיין שפאצירן / שמועסן מיט'ן אייבערשטן, שטייט שוין אז דער בן השפחה האט שוין אויך געהאט א הרהור תשובה, חז"ל זאגן דאך, יחיד ששב, מוחלין לכל העולם כולו, איין איינציגער מענטש וואס קומט צוריק צום אייבערשטן, לייגט אריין הרהורי תשובה אין די גאנצע וועלט, און מענטשן אין יענע עק וועלט ווייסן ניטאמאל אז זייער הרהור תשובה קומט פון עפעס א יחיד ששב.

און ס'גייט נאך ווייטער, ווייל דער בן מלך איז דאך דער נידעריגערער, ווייל ער איז דער עכטער בן השפחה, און דער בן השפחה איז דאך העכער, ווייל ער איז דאך דער עכטער בן מלך, קומט אויס אז דער נידעריגערער עכטער בן שפחה, האט געקענט גורם זיין א הרהור תשובה ביים עכטן בן מלך! געוואלד! ס'איז



אויס וועלט! ס'איז ביטול הבחירה! פארוואס שלאפן מיר?! יעדער נישטיגער בן השפחה קען מיט זיין בלויז'ן רעדן פשוט'ע דיבורים צום אייבערשטן גורם זיין אז חשוב'ערע און העכערע פון אים זאלן פונדאסניי צוריקקומען צום אייבערשטן!

יעדע פעולה, ברענגט נאך פעולות, יעדער וואס ציט זיך צו גוטס, שלעפט מיט די גאנצע וועלט צו די זייט פון גוטס, און ס'גייט אפילו ווייטער פון דעם, ווייל דער וואס ווערט מיטגעשלעפט, קען אמאל טון סאך מער ווי דער ערשטער וואס שלעפט אים, אזוי ווי מען זעט דא, דער בן מלך האט נאר "געוואלט" רעדן צום אייבערשטן, אבער דערנאך האט דער בן השפחה שוין טאקע גערעדט צום אייבערשטן ממש, נישט נאר געוואלט.

אזוי ווי דער רבי האט געזאגט א שפענדל קען א קלאץ אונטערצינדן. א קליין מענטשעלע, מיט א קליין מחשבה'לע אז איך וויל זיין גוט, קען גורם זיין אז א גרויסע נשמה מיט גרויסע כוחות זאל צוריק קומען צום אייבערשטן און צוריק ברענגען נאך און נאך נשמות.

שאץ זיך נישט אונטער, דיין קליין תפלה'לע "באשעפער איך וויל זיין גוט" מאכט די גאנצע וועלט שענער און זיסער. דיין קליין תפלה ברענגט די גאנצע וועלט נענטער צום אייבערשטן. ■





# גֵיין אִין קָאנְטְרִי אָדֶער נִישְׁט?

## שאלה

**זָאל מֶען גֵיין אִין קָאנְטְרִי אָדֶער נִישְׁט?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ו נִיסָן, י"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה?! אַוַדַאי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ בָּאנְגֶעלָאוֹ בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ פַארְן גַאנְצְן זוּמֶער, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין מוֹתְרוֹת. וִוי קֶען מֶען בְּלַייבְּן זוּמֶער אִין שְׁטָאט? דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן וִוי דִי חַיוֹת, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אוֹיסְגֶעטוּן וִוי דִי חַיוֹת אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען וֶוערְט יֶעדְן טָאג פַארְבְּרֶענְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (רְמָ"א בְּיוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנז, סְעִיף א) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב אַוֶועק צוּ גֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אַן עֲבֵירָה; בִּפְרַט אַז מִיר הָאבְּן אַ פִּנַּת יְקָרֹת, אַ וִוינְקֶעלֶע פוּן אֱמוּנָה, אַ וִוינְקֶעלֶע פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הִתְחַזְּקוּת וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ זִיכֶער קוּמֶען.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט בִּכְלַל דַיין סָפֵק; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אַרוֹיס נֶעמֶען אַ בָּאנְגֶעלָאוֹ, דִי בָּאנְגֶעלָאוֹ אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַזוֹי אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט וְכוּ', אָבֶער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כא, יט): "טוֹב שֶׁבֶת בְּאֶרֶץ מִדְבָּר, מֵאֵשֶׁת מִדְיָנִים וָכָעַס", עֶנְדֶערְשׁ זִיצְן אִין מִדְבֵּר וְכוּ' וִוי צוּ זִיצְן אִין אַ פְּלַאץ וָואס בְּרֶענְגְט וֵוייטָאג אוּן כַּעַס.

פָארְן אִין סְתָם אַ קָאנְטְרִי וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין רָב אָדֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט; אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס רַב מְשַׁרְשִׁיָּא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער (הוֹרָיוֹת יב.): "תִיבוּ אַקִילְקְלֵי דְמָתָא מְחַסְיָא, וְלֹא תִיבוּ אַפַּדְנֵי דְפוּמְפְּדִיתָא", עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיצְן אִין דִי מִיסְט פוּן דִי שְׁטָאט מָתָא מְחַסְיָא וִוי צוּ וואוֹינֶען אִין דִי פַּאלַאצְן פוּן פּוּמְבְּדִיתָא. וַוייל אִין דִי שְׁטָאט מָתָא מְחַסְיָא הָאבְּן גֶעוואוֹינְט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶער אִין פּוּמְבְּדִיתָא הָאבְּן גֶעוואוֹינְט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע אִידְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ זִיצְן אִין דִי מִיסְט פוּן מָתָא מְחַסְיָא וְכוּ'.

דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט וואוּ עֶס אִיז מַמָּשׁ אֵיין שְׁטִיק מִיסְט פְּלַאץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וִוי צוּ גֵיין אִין אַ קָאנְטְרִי וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ב): "שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים", אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט וִוי אַן עֶרְלִיכֶע אִיד דַארְף רֶעדְן, אִיז דָאס שׁוֹין אַ מוֹשַׁב לֵצִים; אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען פָארְט אִין אַ קָאנְטְרִי אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ מוֹשַׁב לֵצִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל דוּ זָאלְסְט וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, בִּפְרַט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס זֵיי זֶענֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים פוּן אוּנְזֶער דוֹר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

*עלונו אמונה פרשת שמיני תשע"ח*



# א מעשה
## פון א צדיק

# זִיךְ אוֹיסְגֶעגֶעבְּן אוֹיפְן שְׁטֶענְדֶער

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעזוּכְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ בָּחוּר אַ מַתְמִיד עָצוּם וָואס לֶערְנְט שָׁעוֹת לַאנְג, דֶער בָּחוּר פְלֶעגְט קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען צְוֶועלְף צוּ פֶערְצְן שָׁעָה אָן אָפְּשְׁטֶעל.

נָאכְן חֲתוּנָה אִיז אָבֶּער לֵיידֶער אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן דִי אֱמֶת אַז אִינְדֶערְהֵיים פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף וִוי אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר שַׁאפְט אוֹיף זַיין וַוייבּ, עֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט אִיר, אוּן נֶעבֶּעךְ עֶר נִיצְט אֲפִילוּ זַיין הֶענְט אוֹיף אִיר רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיז דֶער טַאטֶע פוּן דִי פְרוֹי גֶעלָאפְן צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן דֶער בַּעַל קְהִלּוֹת יַעֲקֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ זָאגֶענְדִיג "וִוי קֶען זַיין אַז מַיין טָאכְטֶער אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַזַא בָּחוּר? עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַ נָאמֶען אַלְץ אַ מְצוּיָן! אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט מִיט הַתְמָדָה, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מְסַדֵּר מִיט מַיין טָאכְטֶער, עֶר דֶערְנִידֶערְט אִיר עֶר פַּיינִיגְט אִיר, דָאס אִיז וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה? דָאס אִיז דִי שְׂכַר פוּן תּוֹרָה? דָאס פַּאסִירְט אַז מֶען לֶערְנְט?"

הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִים גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן! לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז גָאר הֵיילִיג! אוּן וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אִיז עֶר מֶער חָשׁוּב, דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן דַיין אֵיידֶעם אִיז אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען וִויאַזוֹי זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט מִיט אַ וַוייבּ, עֶר הָאט אִין זַיין לֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט זַיין שְׁטֶענְדֶער, אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוּן אוֹיפְן שְׁטֶענְדֶער הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע נֶערְוְון, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דִי שְׁטֶענְדֶער אוֹיפְן עֶרְד, אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא הָאט עֶר גֶעשְׁלָאגְן דִי שְׁטֶענְדֶער."

"אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז זַיין תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, עֶס פֶעלְט פָּשׁוּט אִין אִים דִי חִינוּךְ אַז דִי שֵׁיין אוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה זָאל רוּעֶן אוֹיף אִים, אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְפַאר גֶטְ'ן, עֶר זָאל נָאר גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִויאַזוֹי זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע אוּן בִּפְרַט מִיט אַ וַוייבּ, וַוייל דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה אוּן אַ מְחוּנָךְ'דִיגֶע מֶענְטְשׁ שַׁיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק".

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַן אַנְדֶערֶע בָּחוּר פוּן זַיין צִימֶער, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן חֲפֵצִים פוּן זַיין חַבֵר אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם צִימֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן דֶעם בָּחוּר: "וָואסְפַארַא גֶעפִירֶעכְטְס אִיז דָאס? דוּ וַוארְפְסְט אַרוֹיס דַיין חַבֶר'ס חֲפֵצִים פוּנֶעם צִימֶער, וָואס מֵיינְט דָאס?" הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט דֶעם בָּחוּר, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, עֶר אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ צוּפְלוֹיגְן, דִי צִימֶער אִיז אַלֶעמָאל אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט מִיט זַיינֶע זַאכְן, דָא אִיז זַיין שִׁיךְ, אִין אַ צְוֵוייטֶע וִוינְקְל אִיז זַיין הוֹיזְן, אִין אַ דְרִיטֶע וִוינְקְל אִיז זַיין הֶעמְד, זַיין בֶּעט אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר לֵייגְט נִישְׁט צוּרִיק זַאכְן אִין דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, וִוי קֶען אִיךְ זַיין מִיט אִים אִין אֵיין צִימֶער"?

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט פַאר דֶעם בָּחוּר: "מַיין טַייעֶרֶע בָּחוּר'ל וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיט אַזַא אֵיינֶער דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען, וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען דוּ הָאסְט חֲתוּנָה אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין פוּנְקְט אַזוֹי, דִי הוֹיז וֶועט זַיין אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, וֶועשׁ אוּן קְלֵיידֶער אַרוּם דִי גַאנְצֶע הוֹיז, אוּמְגֶעוַואשֶׁענֶע כֵּלִים, טֶעלֶערְס אוּן לֶעפְלֶעךְ, וָואס גֵייסְטוּ דֶעמָאלְט טוּן? אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע וֶוען מֶען אִיז אַ בָּחוּר אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת אוֹיף אִים נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וַוייל עֶס וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ".

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם אַז עֶר הָאט גֶעזֶען בִּמְצִיאוּת אַז אַ בָּחוּר וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן דָאס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף דִי מְחַנְכִים צוּ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז נָאךְ קְלֵיין וִוי זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט חֲבֵרִים, אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וַוייל אוֹיבּ מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ אַלְץ אִינְגְל אוּן אַלְץ בָּחוּר זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, אִיז גָאר בִּיטֶער דִי לֶעבְּן, וַוייל מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם, מֶען הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.



**(שיחות מוהרא"ש חלק י' ערך חבר)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



קכ"א

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטַארְקְן דִי מְנִיעוֹת פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף אַ שְׁוֶוערֶע פַארְנֶעם. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אֵיין זַאךְ, אַז עֶר זָאל טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה.
נָאכְדֶעם וָואס זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ אַזוֹי אַיינְגֶעגֶעסְן בַּיי אִים, הָאט רֶבִּי נָתָן מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב קוֹיפְן סְחוֹרָה.
רֶבִּי נָתָן כַאפְּט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רֶבִּי'ן, אֵיידֶער עֶר פָארְט קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב קוֹיפְן סְחוֹרָה.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרֵייסְטְן אוּן שְׁטַארְקְן אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג. אוּן אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג אִיז עֶר אַרוֹיס מִיט אִים אוֹיפְ'ן גַאס, אוּן עֶר הָאט שְׁפַּאצִירְט אוּן גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ וָואס אִיז גֶעלָאפְן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס הוֹיז.

דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַרַיין מִיט אִים אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס, עֶר הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ב) אִיבֶּער דִי אֶפִּיקוֹרְסִים וָואס זָאגְן אַז דִי וֶועלְט אִיז אַ "מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת", חַס וְשָׁלוֹם, דָאס הֵייסְט אַז דִי וֶועלְט הָאט גֶעמוּזְט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, אוּן לוֹיט זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע דֵיעוֹת הָאבְּן זֵיי אוֹיף דֶעם רְאַיוֹת אוּן בַּאוַוייזְן, וָואס דָאס אִיז זִיכֶער זֵייעֶר נַארִישׁ אַזוֹי צוּ זָאגְן, דֶער אֱמֶת אִיז דָאךְ אַז דִי וֶועלְט אִיז אַן "אֶפְשָׁרִי הַמְּצִיאוּת", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז אַ "מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת", עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, עֶר אִיז יֶעצְט, אוּן עֶר וֶועט אֵייבִּיג זַיין, "הָיָה הוֹוֶה וְיִהְיֶה", אָבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶע עוֹלָמוֹת אַרוּם, הָאבְּן נִישְׁט גֶעמוּזְט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעוָואנְדְן אִינֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיב עֶר ווִיל זֵיי יָא בַּאשַׁאפְן אָדֶער נִישְׁט.

אָבֶּער פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ דֶער נַארִישֶׁער טָעוּת? נָאר חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א', א') דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר דִי אִידְן, קוּמְט אוֹיס אַז ווִי נָאר דִי נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אִיז שׁוֹין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעוָוארְן אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, וַוייל מֶען דַארְף עֶס דָאךְ הָאבְּן פַאר דִי אִידְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעמוּזְט בַּאשַׁאפְן דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידְן, אָבֶּער ווִי נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ בַּאשַׁאפְן דִי אִידְן, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּזְט כִּבְיָכוֹל בַּאשַׁאפְן פַאר זֵיי דִי וֶועלְט, וַוייל אַלֶע וֶועלְטְן זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. פוּן דֶעם הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְן דֶער נַארִישֶׁער טָעוּת אַז דֶער וֶועלְט אִיז אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז אַ מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר אַן אֶפְשָׁרִי הַמְּצִיאוּת.

דֶער עִיקָר צִיל פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט פַאר דִי אִידְן, אִיז דָאךְ אַז דִי אִידְן זָאלְן טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, זֵיי וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי וֶועלְט וָואס אִיז נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר זֵיי. קוּמְט אוֹיס אַז ווִי מֶער אַ אִיד טוּט זַיין פְלִיכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר טוּט מֶער דֶעם רָצוֹן ה', וֶוערְט עֶר נֶענְטֶער צוּם שׁוֹרֶשׁ, אוּן עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת.

כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶר אַלֵיין אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל, עֶס אִיז נָאר דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אוּן נָאר זַיין רָצוֹן ווִיל עֶר טוּן

צוּצוּקוּמֶען צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# הפצה ווינקל

## בריון
פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

יום ג' פרשת ויקהל פקודי, י"ט אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

אז דער דאקטער הייסט אפערירן דארף מען זיך לאזן אפערירן; איך בין דאס אויך אריבער - נישט מער געדאכט - פאר זעקס יאר צוריק. ביי מיר איז געווען גרויסע ניסים ווייל עס האט שוין געהאט געפלאצט וכו'; איך בין געליגן אין שפיטאל מיט שרעקליכע יסורים. איך האב זיך דעמאלט מקבל געווען, אז דער אייבערשטער וועט מיר העלפן איך וועל בלייבן לעבן און צוריק קומען צו מיינע כוחות וועל איך אוועק געבן מער צייט און כח צו מחזק זיין בחורים. דאס זעלבע זאג איך דיר: פאר דו גייסט אריין זיך אפערירן זיי מתפלל אז אלעס זאל אריבער גיין בשלום און זאג פארן אייבערשטער אז דו וועסט פון היינט אן מער עוסק זיין אין הפצה, ארויס צו געבן די שיינע סידו'ס פון "טאנץ מיט אמונה".

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס הייסט מחזק זיין א צעבראכענער איד; דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "א נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט און עס גייט אריבער אויף איר וואס עס גייט אריבער, אבער אלעס לוינט זיך אבי א טובה צו טון פאר א צווייטן איד"; כל שכן אז מען איז זוכה צו מחי' זיין און מחזק זיין טויזענטער אידן. פון ארום די גאנצע וועלט שרייבן מענטשן אז זיי זענען זיך מחי' מיט דיינע סידו'ס 'טאנץ מיט אמונה'; דאס בלאזט אריין אין זיי א חיות. דערפאר זאלסטו זיך יעצט פארנעמען אז אזוי ווי דו קומסט ארויס פון שפיטאל וועסטו ענדיגן דעם סידי' 'טאנץ מיט אמונה 3' און אזוי ווייטער.

זיי מנדב געלט פאר הדפסה; מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז ווער עס דארף א ישועה זאל דרוקן "אשר בנחל" און ער וועט זען אויסטערלישע ישועות. איך גיי יעצט דרוקן נאכאמאל "אשר בנחל" אין אידיש, אז דו ווילסט קענסטו האבן א חלק אין דעם, וועסטו זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן מיט דיר.

זיי געזונט און שטארק, דער אייבערשטער זאל דיר שיקן א רפואה שלימה.

## ישועות
אשר בנחל

אין שטעטל איז נישט אזוי גרינג זיך צו באוועגן אָן אַן אייגענעם קאר; און ווען א חשובע אינגערמאן י. י. פון קרית ברסלב האט זיך דערזען אז ער מוז האבן א נייעם קאר, האט ער נישט געטראכט אז דאס איז א "ביג דיעל". אבער, אנדערש ווי ער האט געטראכט, איז עס אים ממש נישט געגאנגען. איינער האט פארלאנגט א סעקיוריטי דיפאזיט, א צווייטער האט געקרומט מיט די נאז איבער זיין קרעדיט סקאור, דער דריטער האט פשוט נישט געהאט עפעס לייטיש, און ער האט זיך דערזען אז דא דארף מען טון עפעס מער "השתדלות".

ער האט אנגערופן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו, ער האט אים געזאגט אז ער שטייט יעצט אין א מצב וואס עס איז אים נאר איבערגעבליבן נאך איין אפציע וויאזוי ער וועט זיך דערזען מיט א נייע קאר, דערפאר געבט ער אים יעצט א נדבה פון $500 צו דרוקן דעם הייליגן ספר אשר בנחל, און ער בעט דעם אויבערשטן אז אין דעם זכות זאלן זיך זאכן רוקן גרינג און שנעל.

צען מינוט שפעטער - נישט קיין גוזמא - רופט ער צוריק דעם גבאי, אז דער ליסינג פירמע ביי וועם ער האט יעצט פרובירט האט אים תיכף אפראווד, "זיי האבן מיר נישט געבעטן גארנישט, נישט קיין פעי סטאבס, נישט קיין באנק סטעיטמענט, זיי האבן מיר באהאנדעלט כאילו איך וואלט געווען א קעניג..." האט ער געזאגט.

כאפט אריין ישועות און רפואות, רופט אן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347.578.4449, און זייט מנדב פאר אשר בנחל, און זייט זוכה צו געניסן פון די "הבטחה" וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט מנדב זיין פאר אשר בנחל וועט זען זיכערע ישועות.

צו איבער לאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347.578.4449

על ידי הפצת ספרי רבינו
נביא את משיח צדקינו

# נייעס
פון קרן הדפסה

## ספר שמירת הזמן ווערט איבערגעדרוקט

מיט גרויס פרייד נעמען אנשי שלומינו אויף די גוטע בשורה אז דער קרן הדפסה גרייט זיך איבערצודרוקן דעם הייליגן ספר "שמירת הזמן" וואס מוהרא"ש האט געשריבן.

דער ספר הייבט זיך אין מיט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רע"ב "היום אם בקולו תשמעו" ווי דער הייליגער רבי ברענגט ארויס, אז אויב א מענטש וויל מצליח זיין זאל ער נישט קוקן נאר אויף "היינט", ווייל דער סמ"ך מ"ם מאכט אויסקוקן זייער שווער צו זיין אן ערליכער איד, און עס פאלט ארויף אויפן מענטש אזא בארג וויאזוי קען איך איבערקומען דעם גרויסן טשאלאנדזש, דערפאר זאגט דער רבי אז "טראכט נאר פון היינט", וועט דיר זיין גרינגער, ווייל "איין טאג" קען איך זיין אן ערליכער איד.

דערנאך ברענגט מוהרא"ש א הערליכע תפלה פון הייליגן רבי נתן וואס איז געבויעט אויף דעם פריערדיגן תורה, ווי מען בעט זיך אויס ביים אויבערשטן אז מען זאל נישט פארברענגען די יארן מיט נארישקייט, און מען וועט זיך ח"ו דערזען א גאנץ לעבן דורכגיין מיט שטותים און הבלים, און דערויף שרייבט מוהרא"ש דעם הייליגן ספר שמירת הזמן וואס באשטייט פון 27 פרקים פון מיט עצות און חיזוק וויאזוי מען קען היטן אויף די צייט. דערנאך ברענגט מוהרא"ש צו פארשידענע מאמרים פון חיי מוהר"ן, און ביאורים דערויף פון טשערינער רב ז"ל, אזוי אויך שטיקלעך פון הייליגן ספר "עלים לתרופה" בריוו פון הייליגן רבי נתן זי"ע. דערויף קומט צוגעלייגט דער קונטרס "שמירת הזמן" פון מוהרא"ש זי"ע פול מיט גאר שיינע שיחות, חידושים, איבער דעם ענין פון שמירת הזמן, וואס דאס אליינס באשטייט פון 175 סעיפים פול מיט הערליכע חיזוק און עצות.

קרן הדפסה גייט יעצט אי"ה איבערדרוקן דעם ספר פון פריש, מיט הערליכע גרויסע אותיות, מען גייט עס גוט מגיה זיין און פריש אויסשטעלן געשמאק און שיין אזוי ווי די היינטיגע טעכניק קען, וואס וועט געבן א הרחבת הדעת ביים לערנען דעם ספר. מען האט שוין ב"ה אנגעהויבן מיט די ארבעט אויף די טעקסט, און מען האפט צו קענען צואיילן די שווערע ארבעט און עס ענדיגן במשך די קומענדיגע עטליכע זומער וואכן. דער מהדורה פונעם ספר איז געווארן אפגעקויפט דורך מו"ה דוד מעץ הי"ו, און וועט טראגן מיט שטאלץ דעם נאמען "מהדורת מץ".

מען קען נאך קויפן זכותים אינעם ספר, ביטע זיך פארבינדן צום גבאי מוה"ר לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449.

# בילדער
פון קרן הדפסה


א פרישע שיפמענט פאפיר


די מאשין ביים פאלדן די גליונות


די וועכענטליכע גליון אפגעדריקט

# אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | | |
|---|---|---|---|
| משה עקשטיין<br>קרית ברסלב | לוי יצחק זאפיר<br>בארא פארק | יצחק אייזיק ראטה<br>קרית ברסלב | שלמה לאנדא<br>וויליאמסבורג |
| ישראל פוקס<br>קרית ברסלב | אברהם חיים קלאגסברון<br>לעיקוואד | יהודה לייב ווייס<br>קרית ברסלב | אלי ראטה<br>לעיקוואד |
| יוסף מערמלשטיין<br>קרית ברסלב | משה מאסרי<br>מאנסי | חיים יוסף ראזענבערג<br>וויליאמסבורג | אברהם טיקאלסקי<br>דזערזי סיטי |

צו מנדב זיין:

PHONE 718.387.2691. #103 | EMAIL: DONATE@KERENHADFUSA.ORG | MESSAGE: 347.578.4999

# קוק אהער

## אריין אין בונקער!

ט אנקען, שיפן, עראפלאנען און באמבעס, די הימלען זענען רויט מיט שווארץ, די אנגסט שפירט זיך אין די לופט, קיינער ווייסט נישט וואס די נעקסטע מינוט גייט ברענגען.

די סטראטעגיעס צירקולירן, די מיינונגען טוישן זיך יעדע סעקונדע, די ויסנשאפטלער ווייסן שוין אויך נישט..

ס'פייפט די פייפער, מ'מוז לויפן אין בונקער, מ'מוז זיך באשיצן פון די פייער פונעם שונא, ס'איז שרעקליך, פחדים נוראים!

די וואס האבן נעכטן געלאכט און געשריגן 'וואס בונקער וועך בונקער, ס'איז גארנישט, אויב לאמיר טאקע זאגן ס'וועט פליען א באמבע טאקע דא נעבן אונז ווי מיר זענען שטארק און אויפגעבויט איז גארנישט, ווייל מען גייט עס סיווי' אראפשיסן!

היינט לייגט ער שוין זיין האנט אויפן קאפל און לויפט אין א פאניק זוכן שוץ ווי נאר ס'דאכט זיך אים אז ער הערט א פייף...

אין די היימישע שטעט, אין די היימישע געגנטער קען מען זען בנינים וואס קוקן אויס ווי די בילדער פון עזה..

די פארשפילטע שרייען "הע הע, דו ווייסט וואס זיי כאפן צוריק פארדעם? כפלי כפלים...."

יאפ, ס'איז דא מענטשן וואס יובל'ן מיט נצחונות בשעת ביי זיי ברענט און פלאקערט, שטיבער טראסקענען צאם און ער זעט עס אפילו נישט, קוק נאר וואס גייט פאר 'דארט' אוי כאפן זיי...

און וואס איז מיט דיר?

"שוין ווייטער קנאי'שע מעשיות, שוין ווייטער גייט מען שרייבן דעם אמת וואס קומט פאר אין 'מדינת ישראל' יא נאך אן ארטיקל אז מיר האבן נישט מיט קיין ציוניזם?"

"יעצט איז נישט די צייט... בשעת די מלחמה מוזטו שרייבן וועגן דעם? טרעף עפעס א רואיגע צייט און דעמאלט קענסטו אויספאקן דיין גאנצע בויך ווי, אלע דיינע השקפות פארוואס די מדינה מעג טאקע על פי תורה נישט עקזיסטירן, ברענג טאקע ארויס דאן מיט ראיות ברורות פארוואס נישט נאר זענען זיי די אזוי גערופענע רעטער פון כלל ישראל, נאר זיי זענען די סיבה פארוואס אזויפיל אידישע קינדער ווערן נעבעך אויסגע'הרג'עט ברוחניות ובגשמיות."

"אלעס מיט די פנים פון זיין כלל ישראל'ס רעטער... זיי זענען דיין גרעסטע שונא!"

"יא? א גאנצע ארטיקל קומט יעצט וועגן דעם?"

"כ'האב נישט קיין אנונג פון וואס דו רעדסט, איך רעד בכלל נישט פון די מיטל מזרח, איך טראכט יעצט אפילו נישט פון די מלחמה פון די מדינה מיט די אראבישע לענדער..."

"איך בין פולקאם פאקוסירט דא אויף אדמת אמעריקע, טאקע אין אונזער היימישע שכינות, וואו קומסטו יעצט אן קיין ארץ ישראל?"

"וואס הייסט, דא אין אמעריקע באמבעס? פייפן? בונקערס? שטיבער ווערן חרוב? דאס איז דאך דארט אין ארץ ישראל נישט דא אין אמעריקע, דא איז אלעס פיין...."

ניין, איך רעד נישט פון די נארישע באמבעס וואס מדינות שיסן זיך איינער אויפן אנדערן, יענץ איז נישט האלב אזא גרויסע סכנה פון די באמבעס וואס איך רעד וועגן...

וואס קען שוין א באמבע טון אין ערגסטן פאל? אז מענטשן ווערן גע'הרג'עט ה"י, יא אוודאי זייער ביטער, אבער חז"ל זאגן אונז גדול המחטיאו יותר מן ההורגו!

די באמבע איז אויפגעריסן אין דיינע הענט!

די שטוב איז חרוב ונחרב, אפילו מ'האט עס יעצט איבערגעפעינט און אויסשטאפירט מיט נייע מעבל..

נישט דא קיין אייראן דאום, נישט דא קיין באשיצונג, די מלחמה קוקט שוין נישט אויס ווי מיר האבן עס..

די ערליכע אידן וואס ווילן גראטעוועט ווערן פונעם מבול פון 'כשר'ע היימישע ענטערטעינמענט' פון די 'פרומע נייעס קוועלער' פון די 'אויסגעהאלטענע פאדקעסטס' פון די 'בלויזע סטעטוס פון סתם זאכן' און זיך

# דאס און יענץ מיט א טיפערע ארייבליק

## ישראל דוד העסקעל



פלוצלינג טרעפן אין א מבול פון ליצנות פון מינות ואפיקורסות און פון ניאוף ה"י... די אידן וואס קוקן צו מיט שרעק וואו לויף איך? לינקס? רעכטס?

מ'הערט די סיירינס פייפן, ס'איז פחדים נוראים, מ'לויפט מיט פחד זיך צו קענען באשיצן אויף די איינציגסטע באשיצטע פלאץ - אינעם צדיק'ס בונקער!

קיין אנדערע באשיצונג העלפט נישט!

די טעראפי וועלט וועט דיר פירן אין באד אריין, וועסט האבן א פנים ווי איינער וואס עפנט א שירעם זיך צו באשיצן פון א מיסל...

וועסט זיך אריינשטעקן די קאפ אין דער ערד ווי א בת היענה און זאגן 'מע ס'גארנישט, וואס איז שוין אזוי שלעכט מיט אביסל נייעס? מיט "היימישע" "כשר'ע" ענטערטעינמענט...' ווי אזוי וועלן דיינע קינדער אויסקוקן?

וועסט לאכן און מאכן ליצנות פון צדיקים וואס ברענגען אריין די אמונה, וואס לערנט אויס אונז פשוטע מענטשעלעך צו קענען פשוט אדורכלעבן דאס לעבן און בלייבן א תורה טרייער ערליכער איד, דו ביסט ווי א שפיאן וואס לויפט פארציילן פארן שונא וואו צו שיסן! דו ביסט א מערדער! דו מאכסט חוזק פון א צדיק וואס זאגט מיר אז אויב וויל איך האבן א זיסע לעבן זאל איך לעבן נאר אין שטוב און נישט אריינברענגען אלע מיסט אין שטוב אריין, דו לאכסט אפ פון א צדיק וואס זאגט מיר אז די וועג צו זיין פרייליך איז רעדן צום אייבערשטן און יעדן טאג עפענען א גמרא און "זאגן" די ווערטער - דו ביסט א רוצח דו ווילסט מיך אומגליקליך מאכן?

'די דור, די דור' יעדער ווייגט, יעדער קרעכצט, אבער געב מיר אן עצה, זאג מיר, איך ווי אזוי איך בין, איך בין נישט דער בנש"ק, אויסגעארבעטער מתמיד, דיין, חשוב'ער איד, איך בין איך, דער פשוטער דער פראסטער וואס וויל בלויז איבערלעבן די מלחמה. ר' איד איך קענט מיר העלפן? איך האט מיר אן עצה נישט חרוב צו גיין אינגאנצן? אדער איך קענט מיר בלויז זאגן 'הע הע נישט ממש אזוי, נאר פאר די שוואכע, אבער פאר דיר....' האסט מיר נאך עפעס צו זאגן אויסער דעם?

ר' מויל מאכער, חוץ פון מיר זאגן 'בעעע, מ'דארף נישט קיין בונקער, ס'גארנישט...' קענסט מיר העלפן אויך ווען די באמבע רייסט אויף ביי מיר אין שטוב און אלעס גייט מיר חרוב? אדער דעמאלט וועסטו זאגן אוי..

ס'איז א שעת מלחמה, ס'טראסקעט באמבעס מיט נוקלעארע שפיצן ביי מיר אין שטוב, איך האב נישט קיין צייט יעצט צו קוקן נישט וואס דער האט צו זאגן און נישט וואס יענער האט צו פארקויפן..

איך מוז וואס שנעלער טרעפן שיץ, טרעפן א בונקער וואס וועט מיך אריין נעמען און מיר באשיצן פון די שווערע וואפנס וואס פליען מיין וועג.

מיין איינציגסטע רעטונג איז זיך צו באהאלטן ביים צדיק, און אויב מעכל מיט רעכל קוקן אריין ביים פענסטער פון בונקער און לאכן פון מיר, וואס זאל איך יעצט טון צוליב דעם? זאל איך אוועקגיין פון בונקער ווי איך בין באשיצט? זאל איך פאר איין סעקונדע ארויסטרעטן און חלילה אומקומען?

איך קוק נישט אויף קיינעם, איך האב נישט מיט קיינעם, איך מוז מיך ראטעווען מיין לעבן, איך טו וואס דער צדיק זאגט מיר איך זאל טון צו קענען סורווייוון - זאגן א בלאט גמרא יעדן טאג - זיך איסשמועסן דאס הארץ מיטן אייבערשטן - עטליכע פרקים משניות - רעדן שיין אין שטוב און נישט טענה'ען - איך וועל נעמען די זיסע עצות פון רבי'ן און מיט דעם וועל איך קענען באזיגן די פלאקערדיגע ברענעדיגע מלחמה, און ווען ס'פלאמט אויף די פייער גיי איך שנעל כאפן נאך א שיעור פון דער ראש ישיבה, און ווען איך שפיר 'עד כאן' וועל איך נאכאמאל חזר'ן די זיסע עצות פון רבי'ן, ווייל דאס איז מיין בונקער און נאר אזוי וועל איך קענען צום סוף באזיגן דעם מלחמה!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# קלאסיפיידס

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל משה פליישמאן הי"ו**
**וזוגתו שרה לאה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו**
**וזוגתו באשא תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמחה סאלז הי"ו**
**וזוגתו שרה חוה תחי'**
**צו די שידוך שליסן פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**מיר נעמען אן צו טון אייער בוקעפינג אפאר שעה א טאג**
**רופט שלמה אפפעלדארפער 845-806-1914**






פאר די
# ברסלב'ע
שטוב

## פיינע פרישע
## חלות לכבוד
## שבת קודש

הער א מעשה



**אן אסיפה ביי**
**משפחת אלעמען**
ש. טראכטער

**וואו קען מען קויפן געווער?**
ג. פעקעטע

**Chocolate Chip Muffins**
Recepie

ש. טראכטער



# און אסיפה ביי משפחת אלעמען

אינעם הערליכן ארטיקל פאריגע וואך ביים 'קוק אהער' ווינקל, איז געווארן באשריבן איבער דעם וואס א אינגערמאן האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז ער ליידט ליידער פון יענע מחלה. דער ראש ישיבה שליט"א איז געווארן אזוי דערשראקן און צעשוידערט. דער אינגערמאן האט זיך בעסער מסביר געווען, ער ליידט נישט פון "יענע מעשה", ער ליידט פון "יענע" מחלה, די מחלה וואס הייסט "יענער." ער האט אבער צוגעלייגט אז אין א געוויסע זין איז דאס ערגער ווי יענע מעשה, ווייל פאר יענע מעשה קען מען דאך נעמען "טריטמענטס", אבער וואס קען מען טון פאר "יענע" מחלה?

דאס האט מיר דערמאנט פון א מעשה'לע וואס איינע פון מיינע לערערינס האבן אמאל דערציילט:

געווען אמאל א משפחה מיט'ן נאמען משפחת אלעמען, זיי האבן געהאט פיר קינדער, "איינער" "קיינער" "יעדער" און "יענער".

איין טאג האט **איינער** באשלאסן אז עס איז נישט באקוועם צו גיין מיט די שיך צו סקול און **יעדער** האט איר נאכגעטון. **קיינער** האט נישט געוואלט זיין אנדערש, אבער דאך האט זי געטראכט וואס **יענער** וועט זאגן.

**איינער** האט שפעטער באשלאסן אז די עסן פון סקול איז נישט גוט און דעריבער האט זיך **קיינער** מער נישט דערוואוסט צו עסן דערפון. אזוי איז עס אלעמאל געווען. **איינער** און **יענער** האבן געטון די זעלבע און **יעדער** האט געטראכט וואס **יענער** טוט און **קיינער** האט נישט געוואלט זיין ארויסגעפאלן.

אויב **איינער** האט נישט געוואלט אנטון א מאנטל איז **יעדער** פארקילט געווארן. אויב **יענער** האט באשלאסן צו

עסן טשאלנט אינדערפרי האט **יעדער** אזוי געטון, אפילו אויב די בויך האט זיך געדרייט דערפון.

און אויב **יענער** האט באשלאסן צו גיין מיט הענטשיך אינמיטן זומער האט **יעדער** אזוי געטון. **יעדער** האט געזאגט אז זי טוט נישט וואס **יענער** טוט, אבער **קיינער** האט נישט געטון אנדערש ווי **יענער**. עס איז געבליבן א מיסטעריע.

אזוי איז אנגעגאנגען א לאנגע צייט, **איינער** טוט און **קיינער** וויל נישט בלייבן אונטערשטעליג. ביז איין טאג האט די מאמע פון משפחת אלעמען געמאכט אן אסיפה און געזאגט פאר אירע טייערע קינדער אז **קיינער** קען נישט לעבן פאר זיך און מען קען נישט הנאה האבן פון דעם לעבן אויב **יעדער** קוקט אויף **יענער**. די מאמע האט מסביר געווען אז **יעדער** האט זיין אייגענע מעלות און אויב מען מאכט נאך אפילו נאר **איינער** קען **קיינער** נישט מצליח זיין, די שענסטע וועג אין לעבן איז אז **יעדער** קוקט אויף זיך און קיינער קוקט נישט ביי **יענער**, און אזוי וועט **יעדער איינער** לעבן א לעבן!

עד כאן די קליינע מעשה מיט א טיפע מוסר השכל..

...

דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז אזויפיל מאל אז מיר זאלן נישט קוקן ביי יענעם, נישט בגשמיות - קוקן און זען ווער עס איז מער מצליח און מושלם'דיג ווי מער, און אויך נישט ברוחניות - ווער עס איז בעסער און פרומער ווי מיר.

מוהרא"ש זי"ע איז מסביר די משנה אין מסכת אבות "הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם" קנאה תאוה און כבוד נעמען ארויס די מענטש פון די וועלט. מען זעט דאך אז מענטשן זענען מקנא און בלייבן יא לעבן? נאר טאקע דאס פאסירט, די מענטש איז נישט דא, ער איז קראנק, ער לעבט נישט אויף די וועלט. אזוי ווי דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט: "די גרעסטע רחמנות זענען מענטשן וואס לעבן מיט קנאה, ווייל מען לעבט נישט קיין לעבן, מען לעבט יענעם'ס לעבן." ממש ווי מוהרא"ש זאגט, "די ביינער צוגייען נאך בחייו, בשעת מען לעבט."

דאס איז דאך אזא ביטערע מחלה וואס נאר דער צדיק קען היילן. עס איז דא א באקאנטער קאצקער ווארט: "אויב איך בין איך און דו ביסט דו, דעמאלטס בין איך - איך און דו - דו. אבער אויב דו ביסט איך און איך בין דו דעמאלטס בין איך נישט איך און דו נישט דו..."

ליין עס איבער און לייג צו קאפ, עס איז א ווארט וואס איז ווערד צו לעבן דערמיט. אויב איך לעב א לעבן און טראכט א גאנצן טאג וואס דו טראכסט, איז מיין לעבן נישט קיין לעבן. און אויב דו לעבסט דיין לעבן מיט איין אויג אויסגעדרייט צו מיין לעבן האסטו נישט קיין לעבן.

דא אין היכל הקודש האב איך געזען די שיינקייט פון אייגנארטיגקייט. אז מען קוקט זיך ארום זעט מען ווי יעדער טוט, אבער יעדער אויף זיין אייגנארטיגע אופן. עס איז אזוי נישט קיין עסק נאכצומאכן יענעם. דאס איז וואס דער רבי שרייבט וועגן נקודות טובות, יעדער האט א נקודה וואס דער צווייטער האט נישט. און אז מיר קוקן אויף זיך ווערט דאס לעבן זיסער און בעסער, און פארקערט אויך ווען מען קוקט אויף יענעם ווערט דאס לעבן נמאס און ביטער.

דאס איז וואס דער תם האט געזאגט פאר זיין ווייב, ווען זי איז אים געקומען פרעגן וועגן אנדערע שיסטערס, "וואס האב איך מיט אים? דאס איז מיין מעשה און דאס איז זיין מעשה, וואס דארף מען רעדן פון א צווייטן?"

זייענדיג אמאל ביי א צוזאמקום האט מען אויסגעטיילט פאר אלע באטייליגטע א מאגנעט וואס איז געשטאנען דארט "וואס מען פרעגט נישט אויף יענע וועלט איז נישט וויכטיג." איך האב דאן גענומען די מאגנעט און עס געלייגט ביי מיר אין קאך, דאס איז עפעס וואס איך וויל געדענקען כסדר. אויבן אין הימל פרעגט מען מיר נישט וואס יענער האט געטון, און וואס יעדער האט געזאגט, און וואס קיינער האט נישט געטראכט. מען פרעגט מיר "צו האסטו געטון וואס דו האסט געדארפט?"

די עבודה זרה פון "יענע" מחלה איז זייער שרעקעדיג, עס דרויעט צו פארציען דעם מענטש אין עולם התוהו נאך דא אויף די וועלט. עס איז א סכנה אז א מענטש ווערט א בחינה פון טויט נאך בשעת ער לעבט. די סימפטאמען זענען מערערע, מען קען נישט באשליסן נאר נאכ'ן פרעגן ביי מערערע מענטשן זייער מיינונג, מען ווערט שנעל צוגעלייגט ווען מען הערט אז א צווייטער האלט און טראכט אויף דיר אז... מען טראכט איבער וואס יענער טראכט אז דו טראכסט.... און מער און מער..

און פונקט ווי א מענטש וואס ליידט אויף א פיזישע קרענק וועט נישט זיין רואיג ביז ער טרעפט אן ענטגילטיגע לעזונג צו זיין פראבלעם, און פונקט ווי ער וועט אוודאי איינרייסן תפילות בתוך שאר חולי ישראל, אזוי אויך ווען מען ליידט פון חולי נפש, פון די ביטערע "יענע" מחלה דארף מען מאכן אסאך תפילה, "באשעפער העלף מיר געדענקען תכלית, איך זאל געדענקן אז נאך אביסל גיי איך אהיים און דארט וועל **איך אליינס** שטיין פאר דיר, אן **יעדער און יענער**." אויבן וועט נישט העלפן די גאנצע רינג פון קאנטרי און אלע פרויען מיט וועמען איך ווארט נאכמיטאג אויף די קינדער ביי די באסעס.

אויבן אין הימל גייט יעדער פאר זיך ענטפערן פאר'ן גרויסן משפט, "**האסטו** געטון וואס **דו** האסט געדארפט?"

אז מען איז זוכה צו לעבן מיט תכלית, איז די לעבן א לעבן. אזויווי רבי אברהם בן רבי נחמן ז"ע האט געזאגט פאר איינעם, אז דער יצר הרע וויל אונז נישט צונעמען נאר יענע וועלט, נאר ער וועל אונז אויך צונעמען די שיינע הערליכע און זיסע לעבן וואס מען איז זוכה דא אויף די וועלט.

לאמיר מאכן תפילה אז מיר זאלן קענען לעבן ווי דער אייבערשטער וויל און נישט קוקן אויף **יענעם**, נאר לעבן א לעבן וואס מיר טוען טאקע נאר רצון ה'.

## ווארעמע

# ברעסטן



***אין קורצן פון פריער: בתי' – קינד פון ר' יודא לייב ווזוגתו בילא מייזליק ז"ל איז געבוירן אויף דער עלטער. ווען בתי' איז געווען כמעט דריי יאר אלט י"ז אלול תרצ"ט האט אויסגעבראכן די ביטערע צווייטע וועלט קריג. די יונגע בתי'לע מיט די טאטע מאמע זענען געבליבן לעבן אין סאמארקאנד. מען הערט א גריס פון די טאכטער ליפשא וויאזוי זי איז געפאלן ביי די שלאכטן ל"ע.***

***און יעצט לייענט ווייטער:***

א שטילקייט איז אנשטאנען אין שטוב. די טאטע, מאמע און בתי' זענען אצינד פריש פאר'אבל'ט געווארן.

"צו געדענקט איר ווען דאס האט פאסירט?" האט די מאמע שטיל געפרעגט דעם איד.

"אוודאי, וויאזוי קען איך דאס פארגעסן? איך זע דאס פאר די אויגן ווי עס וואלט יעצט פאסירט. דאס איז געווען אום תענית אסתר תש"ב."

אין יענע מינוט האבן אלע דריי זיך איבערגעבליקט, זיי האבן געדענקט די חלום וואס די מאמע האט געהאט אין סאמארקאנד.

עס איז געווען די נאכט פון תענית אסתר ווען מרת ביילא מייזליק האט זיך גע'חלומ'ט ווי זי זעט א לויי' אריבערגיין. ווען זי האט זיך נאכגעפרעגט וועמען'ס לויי' דאס איז, האט מען איר געזאגט אז מען באגלייט א יונגע פרוי מיט'ן נאמען ליפשא מייזליק.

עס איז געווען שטיל. און דאן האט זיך די מאמע מיט איר לויטערע און ריינע אמונה אנגערופן, "הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא" (דער שטארקער און גלייכער באשעפער וואס אלע זיינע וועגן זענען גערעכט, ער איז באגלייבט און עס איז נישטא ביי אים קיין אומרעכט. אויך האט ר' יהודה לייב זיך





## ש. טראכטער

אנגערופן, "יהי שם ה' מבורך."

לויטער און ריינע ווערטער פון א אידיש הארץ..

מענטשן וואונדערן זיך צומאל וויאזוי קען א מענטש אין אזא מצב זיך דערהאלטן אזוי שטארק און רעדן מיט אזא פעלזן פעסטע אמונה. דאס איז נאר אויב מען לעבט מיט אמונה אלעמאל. אזוויי דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז מען דארף זיך אנזאפן מיט אמונה, מיט דיבורי אמונה, התבודדות און תפילה בשעת אלעס גייט כסדרן, אז ווען עס קומט א נסיון, א שוועריגקייט דאן קומט אמונה "נאטורליך."

...

דאס לעבן איז ווייטער אנגעגאנגען, די מאגערע געהאלט וואס די רעגירונג האט געגעבן צו פארגיטיגן פאר'ן קריג האט נישט געקלעקט צום לעבן, אבער ר' יהודה לייב האט געהאט שטערקערע דאגות, וויאזוי וועט ער האבן מצות אויף פסח? ער האט באשלאסן אז ער מוז מאכן מער פרנסה. דעריבער האט זיך ר' יהודה לייב ארויסגעלאזט זיך לערנען די פאך פון מאכן מאטראצן. דאס האט אים ערלויבט צו מאכן געלט און אויך ארומגיין צו הייזער און דערצו זיין די אייגענע בעל הבית און נישט זיין געצווינגען צו מחלל שבת זיין.

דער עיקר ציל דערפון איז געווען אז גייענדיג צווישן די הייזער האט ר' יהודה לייב געהאט א געלעגנהייט צו שמועסן מיט די פויערן און פראבירן צו שאפן ווייץ.

ענדליך איז אים נאך פיל מי געלונגען צו טרעפן א גוי וואס האט אומלעגאל מסכים געווען צו פארקויפן פאר ר' יהודה לייב ווייץ.

אצינד האבן זיי שוין געהאט ווייץ אבער זיי האבן דאס געדארפט אויפהענגען אין שטוב עס זאל נישט נאס ווערן.

עס איז בייגעפאלן פאר ביילא מייזליק א שעפערישע איינפאל, זיי האבן גענומען א גרויסע שטיקל סחורה און דאס איינגעבויגן אין האלב. בתי' האט באקומען די אויפגאבע פון פארבן די סחורה מיט שיינע קאלירן פעינט אזוי אז דאס זאל אויסזען ווי א קונצווערק פון א קינד.

דערנאך האבן די עלטערן אויפגעהאנגען די נייע באפיצונג און אריינגענייעט דערין די טייערע ווייץ, די הייליגע אוצר, און עס אויפגעהאנגען אין סאלאן..

ווען די גוי'שע שכנים זענען אריינגעקומען האבן זיי באוואונדערט ווי שיין בתי' קען באצירן די שטוב, זיי האבן נישט גע'חלומ'ט פון די אוצר וואס ליגט דארט באהאלטן!

שטילערהייט אונטער די נאז פון די קאמיוניסטישע רשעים, האט זיך א חבורה אידן געשטעלט באקן מצות. שטיל און פלינק האבן זיי מיט א שמחה של מצוה געקנעטן און געראדלט און אפגעבאקן בשעת זייערע ליפן מורמלען תפילות פון דאנק און לויב און די זעלבע צייט זענען זיי מתפלל פאר א שמירה.

ר' יהודה לייב האט אבער נישט געהאלטן די אוצר פאר זיך. נאכ'ן אפבאקן מיט מסירת נפש אלע מצות האט ער אנגעהויבן א חלוקה, יעדע איד וואס האט געשטרעקט א האנט האט באקומען פון די מצות. צומאל איז דאס געווען אויפ'ן חשבון פון זייער אייגענע מצות און זייער אייגן ביסן פון מויל..

איינמאל האט זיך פרוי מייזליק ארויסגעדרוקט צו איר מאן מיט ווייטאג פארוואס ער געבט אוועק פון זייערע מצות פאר א איד וואס עסט ליידער ממילא חמץ אין פסח. האט ר' יהודה לייב געענטפערט אז עס איז נאר דא א געוויסע מאס עסן וואס גייט אריין אין מאגן פון א מענטש, און אויב וועט דער מענטש עסן מער מצה וועט ער שוין נישט האבן אזויפיל פלאץ פאר חמץ אין מאגן, און דאס איז אים אלעס ווערד.

צומאל פלעגן קומען גענצליך פרעמדע מענטשן און געבעטן פון די מצות. איינמאל האט בתי' געפרעגט איר טאטן דערויף פארוואס ער געט פאר פרעמדע וועמען ער ווייסט ניטאמאל ווער זיי זענען. האט איר טאטע געענטפערט, "אמת מיר קענען אים אינגאנצן נישט, אבער אויב א איד קומט בעטן, מיינט דאס אז ער וויל טון א מצוה, איז ווי קענען מיר אים אפזאגן?"

בתי' דערציילט אז דאס לעבן אונטער די קאמיוניסטן איז טאקע געווען זייער שווער, אבער די הייליגע שבתים און ימים טובים האבן אריינגעשיינט אין זיי אזא ליכטיגקייט און שמחה אז דאס האט זיי געטראגן גאר ווייט.

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

# Chocolate Chip Muffins

## INGREDIENTS:

- 1/2 CUP OIL
- 1 CUP SUGAR
- 2 EGGS
- 1 CUP WHIP TOPPING OR ANY PARVE MILK
- 1 TABLESPOON VANILLA SUGAR
- 2 AND 1/2 CUPS FLOUR
- 1 TABLESPOON BAKING POWDER
- 1 AND 1/2 CUPS CHOCOLATE CHIPS

## DIRECTIONS:

1. PREHEAT OVEN TO 425 DEGREES FAHRENHEIT.
2. IN A LARGE BOWL TOSS TOGETHER THE FOLLOWING INGREDIENTS: FLOUR, BAKING POWDER, AND CHOCOLATE CHIPS.
3. IN A SEPARATE BOWL, WHISK TOGETHER THE OIL, SUGAR, EGGS, WHIPPED TOPPING, AND VANILLA.
4. SLOWLY ADD THE DRY INGREDIENTS AND MIX TOGETHER UNTIL JUST COMBINED.
5. DIVIDE THE BATTER INTO 12 MUFFIN CUPS AND BAKE AT 425 FOR FIVE MINUTES, THEN REDUCE TEMPERATURE TO 375 DEGREES AND CONTINUE BAKING FOR ANOTHER 12-15 MINUTES, OR UNTIL A TOOTHPICK COMES OUT CLEAN.
6. DO NOT OVERBAKE OR THE MUFFIN WILL BE DRY.



ג. פעקעטע




# וואו קען מען קויפן געווער?

חוי רופט אן איר חבר'טע מלכה מיט איין בהלה, "מלכה - שרייט זי אויס אויף א הויכע קול - דו וועסט נישט גלייבן וואס איך האב היינט געזען!"

מלכה שפיצט זיך אן אירע אויערן אוןווארט צו הערן עפעס א מאדנע מעשה פון איר חבר'טע חוי. חוי האט אלץ ליב איבערצוטרייבן און מאכן א קלייניגקייט פאר א גאנצע פרשה. "אבער דאס מאל - זאגט איר חוי - איז די מעשה קראנט און וואר, און איך גלייב אז די טעלעפאן רוף קומט זיך דיר". חוי לייגט אראפ ווי אזוי זי האט זיך געבראכן קאפ מיט אירע קינדער, נאכמיטאג ווען זיי קומען אהיים פון חדר און סקול. זי פארציילט פאר מלכה ווי די קינדער ווי נאר זיי טרעטן אראפ פון די באס הייבט מען זיך אן רייסן די האר פון קאפ, טרעטן אויף די נעגל פון פיס און אלעס אינצווישן ווערט צוגראזשעט און פארוואונדעט. וויפיל זי האט זיי שוין פרובירט צו האלטן באשעפטיגט מיט סיי וועלכע שפילצייג אינדערהיים, איז איר נאכנישט געלונגען צו ברענגען שלום און רואיגקייט אין די נאכמיטאג שעות אין איר שטוב.

חוי האט איינגעזען אז זי דארף האבן נייע געווער, און זי האט עס געלייגט אויף איר ליסט אז זי דארף גיין צו די שפילצייג געשעפט און זיך איינהאנדלען נייע אקטיוויטיס פאר די קינדער, פאר די יעצטיגע סיזען ווי זיי קענען אביסל פארברענגן מיט דעם אינדרויסן. זי האט געקלערט אז מיט די טויש פון שפילצייג וועט גרינגער ווערן פאר די קינדער זיך צו באשעפטיגן און

פאר איר צו דורך מאכן די לענגערע נאכמיטאג'ס אין די זומער היצן.

חוי האט זיך ארויסגעלאזט איין צופרי נאך די באסעס, נאכ'ן אביסל צאמנעמען איר שטוב, זי גייט צו די באקאנטע גרויסע קינדער שפילצייג געשעפט אין צענטער פון שטאט.

זי קומט אריין, און פארשטייט זיך ס'איז געווען א גרויסע בהלה דארט, די געשעפט האט אדווערטייזט אז זיי האבן אסאך פון די זומער שפילצייג אויף סעיל, און קוקט אויס אז ס'איז געווען נאך אסאך מאמע'ס וואס האבן זיך געטראפן אין די זעלבע אומשטענדן ווי איר, אין די נאכמיטאגס מיט די קינדער, און זיי האבן זיך אלע דארטן צוזאמגעטראפן אין די שיינע פרימארגן.

חוי האט דורך שפאצירט די געשעפט, רייע ביי רייע און געקוקט אויף אלע טויס און אקטיוויטיס, ס'איז געווען באבעלס, טשאלק, קייטס, קלעי און זאמד אין איין אייל. אין די צווייטע אייל איז געווען גרעסערע זאכן אזוי ווי: סקוטערס, בייקס, ראולער סטעיקס און אזוי ווייטער.

אין די דריטע אייל איז געווען אלע צוגעהערן צו מאכן אינדערהיים א קליינע פול פאר די קינדער, פון די פול צו די טובס, צו די שפילצייג וואס מען קען אריינווארפן אין די קליינע קינדער פולס, און די פאדדעל דשאמפערס דערצו.

חוי האט געדארפט מאכן אן החלטה ווי זי וויל לייגן איר געלט. נאך א קורצע תפילה צום אייבערשטן ווי זי האט געבעטן 'באשעפער העלף מיר איך זאל קויפן ריכטיג, וויסן וואס צו נעמען וואס וועט באשעפטיגן מיינע קינדער די מערסטע צייט, זיי זאלן הנאה האבן און קענען צוזאמען פארברענגען די לאנגע זומער

> זי האט גערעדט מיט אים שכל'דיגע ווערטער פון אמונה, "אויב קרח האט א קריג מיט משה רבינו און אהרן הכהן, וואס האט דאס מיט אונז? עס וועט דיר נישט מאכן מער אדער ווייניגער, איז לאמיר שטיין פון די זייט."

נאכמיטאגס אינאיינעם'. חוי האט מחליט געווען אז א וואסער- גאן (watergun) איז גוט צו קויפן זיך צו קריגן מיט די היצן און זיי האלטן קיל, און עס געלייגט אין איר בעסקעט. דאן האט זי געקלערט אז א סקוטער איז א גוטע זאך צו האבן פאר די קינדער. זי האט אויך געלייגט א העלמעט דערצו, צו האלטן אירע קינדער'ס קעפעלעך סעיף און גאנץ.

ווען זי איז צוגעגאנגען צו די שעלף נעמען די סקוטער, האט איינער פאר איר גענומען די לעצטע פון די שעלף, איז זי צוגעגאנגען צו דער מענטש וואס טראגט אויף זיין סוועדער גרויסע ווערטער 'ווי אזוי קען איך אייך העלפן' און געפרעגט אויב ס'איז פאראן נאך סקוטערס פון די סארט וואס זי האט געוואלט נעמען. דער ארבעטער מאן האט איר אנגעוויזן א טיר אין די בעק פון די געשעפט און איר געזאגט זי זאל אהינגיין פרעגן איינע פון די מיטארבעטער אויב זיי האבן נאך א סקוטער.

חוי גייט דורך די צוויי סווינגינג טירן, און טרעפט זיך מיט אן אפענע מויל. אויב האט זי געמיינט אז די געשעפט איז גרויס, געשטאפט און פארנומען, האט זי געזען וואס ליגט אלס אונטער די שעלוו'ס פון א געשעפט. זי האט געטראפן א צימער צוויי אדער דריי מאל אזוי גרויס ווי די געשעפט, געשטאפט פון דאך צום ערד, מיט קאמערשל שעלווס פון יעדע סארט באקס אויסגעפאקט.

אויף דער ערד איז אויך געווען אויסגעלייגט באקסעס פון יעדע

קאליר, מאס און פארעם. ס'איז געווען דארט א גרויס בהלה. זי האט געזען ווי עס איז פארהאן ארבעטערס וואס שטייען, און פיבערהאפטיג ריסטאקן די וועגענער ארויסצוברענגען צו די געשעפט, צוריק אנצופילן די שעלווס וואס זענען ליידיג געווארן. אויך איז געווען אין איין ווינקל א סטאנציע ווי פרויען האבן געטון די קאמפיוטער און בילינג ארבעט, עס האט אויסגעזען ווי אן אפענע אפיס אינמיטן א שלאכט פעלד פון שפילצייג.

אין א צווייטע ווינקל האט חוי באמערקט, ווי א באנדע ערל'טעס קלעבן ארויף סטיקערס אויף אפאר פון די פעקעדשינג וואס זענען נישט געווען אזוי פאסיג ארויסצולייגן אויף די שעלף פון אן ערליכע אידישע געשעפט.

חוי איז פארלוירן געווארן פאר א מינוט צוויי, און זיך פארוואונדערטערהייט ארומגעקוקט, נישט וויסענדיג וואו אנצופרעגן וועגן די סקוטער.

אזוי שטייענדיג קומט איר אנטקעגן א היימישער אינגערמאן, און פרעגט אויב ס'איז דא עפעס וואס ער קען איר העלפן. חוי האט זיך צאמגענומען און געבעטן וואו זי קען האבן די סקוטער וואס זי זוכט.

דא - צופייערט זיך חוי - און זאגט פאר מלכה: "מלכה איך בין זיכער דו האסט נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך אלס אפ איין טאג אין די ארבעט פון דיין מאן".

מלכה האט זיך שטילערהייט אונטער געלאכט. חוי גייט ווייטער, און פארציילט פאר מלכה: "בשעת'ן ווארטן אזוי, נאך איידער דער אינגערמאן איז צוגעקומען צו מיר, האב איך געזען ווי איינע פון די פרויען דארטן האבן געווארפן אזא שפרעך ווארט צו דעם מענעדשער - דיין מאן," זאגט זי איר מיט אן ערנסטע שטימע. מלכה בלייבט שטיל. חוי גייט ווייטער און צופייערט זיך נאכמער פון פריער. "דאס איז מעשה יוסף הצדיק!! דיין מאן האט נישט אפילו געבלינקט, ער האט ניטאמאל געלייגט אן אויער, נאר ווייטער שפאצירט מיט א גראדע רוקן טון זיין ארבעט!! איך בין ממש נתפעל געווארן.

מיין הארץ האט זיך אזוי געעפנט צו די פלאג און די מלחמות וואס די היינטיגע אינגעלייט גייען דורך, אין זייער טאג-טעגליכע ארבעט צו ברענגען פרנסה."

חוי האט קלאר געשטעלט אז דאס איז נאך געווען איידער דער מענעדשער - וואס דאס איז געווען מלכה'ס מאן - האט באמערקט אפילו אז איינער שטייט בכלל ביים טיר, און זעט צו וואס עס קומט פאר דארטן אין זיין ארבעט - אונטער די קוליסן פון די איינקויפער אין די געשעפט - וואו נאר דער אייבערשטער אליין זעט וואס קומט פאר.

מלכה האט אויסגעשריגן שכח אייבערשטער, און דאן מסביר געווען פאר חוי א שכל וואס זי האט באקומען פון הערן לאנגע יארן די פרויען שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א, פון ליינען טעגליך די בריוו אשר בנחל און עצתו אמונה, און זיך ווייקן אין דעם רבינ'ס עצות און לימודים.

"ביסט גערעכט מלכה", האט חוי צוגעשטימט, "די היינטיגע ארבעט איז א שלאכט פעלד, א מלחמה, א פייער וואס רוישט און זוכט צו פארברענען אונזערע מענער. אבער מיט די קלארע שכל פון צדיקים, פון הערן אזויפיל מאל ביי די וועכנטליכע שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א וואס עס מיינט א קלוגע פרוי, און ווי אזוי א פרוי קען העלפן איר מאן מיט עבודת ה', ווערט די מלחמה פאר זיי אסאך גרינגער. אויב האט א אינגערמאן א ווייב וואס ווארט אים אפ אינדערהיים, וואס זיצט ביים טיר מיט א ברייטע שמייכל, לייגט אריין א געשמאקע שמעק אין די הויז, א ווארעמקייט ערווארט אים ביים אהיימקומען נאכמיטאג און ביים ארויסגיין אינדערפרי, קומט ער דאך שוין אנגעפאנצערט מיט געווער."

מען זעט עס קלאר די וואך אין די פרשה. מוהרא"ש ברענגט אין ספר 'נשים קדושות': עס זענען געווען צוויי פרויען, די ווייב פון קרח האט אנגעהעצט איר מאן, און געזאגט: "פארוואס זאלסטו זיין א גאנצן לעבן אין די זייט, ווען משה רבינו און אהרן הכהן נעמען אלע כבוד פאר זיך?" זי האט אים אנגערייצט און אנגעהעצט ארויסצוגיין אין א מלחמה, און אזוי האט זי טאקע זוכה געווען אז זי, איר מאן און זייערע קינדער זאלן איינגעשלינגען ווערן אין דער ערד. ווייל דורך מלחמות און מחלוקת קומט נאר ארויס שאדנ'ס. דאס איז אן אִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ - א נארישע

פרוי וואס צוברעכט איר שטוב מיט איר אייגענע צוויי הענט. שטענדיג העצט זי אן איר מאן קעגן צדיקים, שלעפט איר מאן צו שלעכטע פלעצער, איז מקנא א צווייטן, און פרובירט זיך מיט יעדן פארמעסטן און גרויסן.

פון די אנדערע זייט איז געווען א קלוגע פרוי, די ווייב פון און בן פלת. זי האט זיך געזעצט ביים טיר פון איר הויז, און ווארעם אויפגענומען איר מאן, זי האט גערעדט מיט אים שכל'דיגע ווערטער פון אמונה, "אויב קרח האט א קריג מיט משה רבינו און אהרן הכהן, וואס האט דאס מיט אונז? עס וועט דיר נישט מאכן מער אדער וויניגער, איז לאמיר שטיין פון די זייט."

זי האט עס אים נישט געזאגט מיט שפאט אדער געשרייען, נאר זי האט עס אים געזאגט מיט ווארעמקייט און ליבשאפט. זי האט אים אנגעגרייט א פיינע נאכטמאל, א סעודה מיט זיין בעסטע מאכלים און געשמאקסטע טרינקען, אים פרייליך געמאכט, אים אריינגעלייג אין א גוטע גיסטע. זי האט זיך אהערגעשטעלט פאר איר מאן, זיך ליבלעך אוועקגעגעבן פאר איך מאן. דאן ווען עס זענען געקומען די בעלי מחלוקת אים אנצורייצן און רופן צו די מחלוקת - א מלחמה קעגן צדיקי הדור וואס זענען די איינציגסטע וואס קענען מחזק זיין און שטארקן די אידן און יעדן דור קעגן די מלחמת היצר - איז ער מער נישט געווען צום געפונען, ווייל זי האט אים איינגעשלעפט מיט די פיינע סעודה וואס זי האט געמאכט פאר אים. אזוי האט ער געקענט דורך מאכן די מחלוקת, די שלאכט-פעלד, די מלחמה וואס האט געראשט אין יענע דור - אלס מיט איר קלוגשאפט. מיט איר חכמת נשים - האט זי געטון - בנתה ביתה, זי האט אפגעהיטן איר מאן, זי האט אים באשיצט מיט ווארעמקייט און ליבשאפט.

אינדערהיים האט זי אפגעווארט איר מאן, אים צוגעגרייט א געשמאקע סעיף פלאץ פאר אים. זי האט זיך שיין געמאכט און זיך אהערגעשטעלט בא'טעמ'ט אין שטוב פאר איר מאן, עס זאל אים מער נישט גלוסטן און שמעקן ארויסצוקריכן אין די שמוציגע, רוישיגע וועלט ווי עס פלאקערן די מלחמות טעגליך.

אז מיר וועלן נוצן די שכל וואס די צדיקים לערנען אונז - ווער איז אן אמת'ע אשה כשרה? דער וואס איז שטענדיג גרייט פאר איר מאן, און זי פראבירט אים צו מאכן די שענסטע און די בעסטע, עס זאל אים געשמאק און באקוועם זיין אינדערהיים, וועלן מיר זוכה זיין אויפצובויען א הייליגע שיינע שטוב.

דאס גייט אוודאי נאר מיט תפילה - בעטן פארן מאן - ער זאל מצליח זיין אין תורה, עבודה, יראת שמים און ער זאל קענען ברענגען פרנסה גרינג און ריין. אויך בעט מען דעם אייבערשטן אויף זיך - מען זאל זיין א שמירה פאר'ן מאן - זיין אן אמת'ע אשה כשרה וואס טוט די רצון פון דעם אייבערשטן - זיין אן עושה רצון בעלה - שטענדיג זיין גרייט פאר'ן מאן, אים פרייליך און ווארעם אויפנעמען, שעצן און טייער האלטן.



# הער א מעשה

## א פרוי פון
קרית ברסלב

ברוך השם איך האב חתונה געהאט, און אזוי ווי אלע פרישע ווייבלעך האב איך נישט גלייך אנגעהויבן באקן און קאכן אליין. מיט די צייט האב איך אנגעהויבן אליין צו קאכן די גרינגע זאכן, און דערנאך געגאנגען ווייטער און ווייטער.

דערנאך איז געקומען די צייט פון אנהייבן טראכטן פון באקן אליין חלות. שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דעם אייבערשטן צו קענען אליין באקן חלות, וואס דאס איז נישט גרינג ביים אנהייב, איך האב געזוכט איינער זאל מיר דאס קענען אויסלערנען.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ביי די ירושלים גאס צאמקום האט איינער געגעבן א גאנצע קורס וויאזוי צו באקן חלות, זי האט זייער שיין און קלאר מסביר געווען וויאזוי צו באקן.

אויך האב איך געהאט הילף פון איינע פון די פרויען פון ירושלים גאס, וואס האבן מיר ארויסגעהאלפן מיט פונקטליכע דעטאלן, און ברוך השם עס איז אויסגעקומען הערליך שיין און געשמאק.

ווער איך עס מפרסם זיין אין די בלעטל.

א קורצע צייט נאכדעם וואס איך האב צוגעזאגט עס צו מפרסם זיין, האט מיר איינער געזאגט א נאמען פון א דענטיסט וואס דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט איך זאל דאס פרובירן.

ברוך השם איך האב שנעל באקומען אן אפוינטמענט, ס'איז טאקע געווען אביסל א לאנגע וועג אנצוקומען צו דעם דאקטער, און אזוי אויך האב איך געדאפט צאלן די דענטיסט מיט קעש, אבער ברוך השם איך האב געהאט די געלט צו באצאלן.

און שכח אייבערשטער. ער האט געמאכט א גוטע ארבעט.

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז כאטש די קאר זאל איך באקומען באצאלט פון די אינשורענס. עס האט נישט אויסגעזען ווי איך וועל עס קענען באקומען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, און שכח אייבערשטער מיין געהעריגע דאקטער האט געקענט באשטיין אריינצורופן די מעדיקעיד און זיי האבן מיר געקענט באשטעלן די קאר צו באקומען אומזיסט.

שכח אייבערשטער.

## ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

1. שוין אפאר יאר וואס איך האב פראבלעמען מיט א ציין, עס טוט וויי, און ביי יעדע דענטיסט וואס איך בין געגאנגען האבן זיי פרובירט צו פאררעכטן און עס איז נאך אלץ נישט געווען גוט.

איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן די ריכטיגע דאקטער וואס זאל עס מאכן און ענדיגן אינגאנצן גוט.

איך האב צוגעזאגט אז ווען איך וועל געהאלפן ווערן

## נ. שניטצלער
קרית ברסלב

ווען ס'הייס אדער ס'רעגענט ווערט מיין וואסער א געוויסע פינקע קאליר, און מ'קען נישט ניצן די וואסער צו וואשן וועש אדער קאכן.

איין ערב שבת האט דאס פאסירט, איך האב אנגעהויבן דאנקן דעם אייבערשטן אויף ביז יעצט, און געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק ווערן שיינע קלארע וואסער.

שכח אייבערשטער ס'איז צוריק געקומען די קלארע קאליר פון די וואסער לכבוד שבת קודש.

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™



# Viruses are going around.

# So is the doctor's office.



TMMC MOBILE CARE TRAINED MEDICAL

**718.208.2030**

Medease
CARE AT HOME

STREP CULTURES | FLU, COVID & RSV TESTING | FULL RESPIRATORY PANEL | EAR CHECKS
URINE CULTURES | BLOODWORK | RASHES & PINK EYE | SEASONAL ALLERGIES

קינדער בלעטל

## רויטע אדער בלויע מילך

- געב א שמייכל

# א שטיקעלע ברויט

- מענטשערליך



דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**





**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "אפילו ווען מ'פאלט אריין אין א בלאטע פון שמוץ וואס איז זייער שווער ארויסצוגיין, איז דא איין עצה, מ'שרייט און מ'שרייט און מ'שרייט".

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן: שבת דארף מען זיין נאר**

א. ערליך
ב. ערנסט
ג. פריילין
ד. צוגעלאזן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש זאגט: דער וואס וויל נישט ליידן אביסל, דער וועט ליידן אסאך!

## געב א שמייכל

**וועלכע קאליר מילך טרינקען רוב מענטשן, רויטע אדער בלויע?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**נג. הַמַּשִּׂיא בִּתּוֹ לְתַלְמִיד חָכָם, וְהַמְהַנֵּהוּ מִנְּכָסָיו, וְהָעוֹשֶׂה פַּרְקְמַטְיָא לְתַלְמִיד חָכָם, זוֹכֶה לִתְחִיַּת הַמֵּתִים.**

וֶוער עֶס נֶעמְט אַ תַּלְמִיד חָכָם פַאר אַן אֵיידֶעם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מְהַנֶּה אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן זַיין פַארְמֶעגְן, אוּן דֶער וָואס מַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם; אִיז זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן ארייצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל ווען דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו ארייינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה יאקאבאוויטש - קינדערגארטן - קרית ברסלב**



# מענטשערלך

דֶעם אַרְבֶּעטֶער מִיט דִי גְרוֹיסֶע זַאק?" - הָאט אַבְּלַט, דֶער גוֹי'שֶׁער שְׁטֶערְן זֶעעֶר גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא שְׁמוּאֵל. "עֶר גֵייט גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט אָבֶער עֶר גֵייט נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, וַוייל אַ שְׁלַאנְג גֵייט אִים בַּייסְן אוּן עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן".

שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, "אוֹיבּ אִיז עֶר אַ אִיד, וֶועט עֶר גֵיין אוּן עֶר וֶועט יָא צוּרִיקְקוּמֶען. אַ אִיד טוּט אֵיין מִצְוָה אוּן עֶר וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט", הָאט שְׁמוּאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט.

שְׁמוּאֵל אוּן אַבְּלַט הָאבְּן וַוייטֶער גֶעשְׁמוּעֶסְט בִּיז נָאכְמִיטָאג.

"אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט וָואס אִיךְ זֶע" אִיז אַבְּלַט אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן זַיין פְּלַאץ "דֶער אִיד אִיז צוּרִיק! וִוי אַזוֹי קֶען עֶס זַיין? אִיךְ הָאבּ קְלָאר גֶעזֶען אִין דִי שְׁטֶערְנְס אוּן מַזָּלוֹת אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן.

קוּם אַהֶער ר' אִיד, אִיךְ וִויל דוּרְכְקוּקְן דַיין זַאק". אַבְּלַט הָאט גֶעכַאפְּט דִי זַאק אוּן עֶס אוֹיסְגֶעגָאסְן.

"וָואס זוּכְט אִיר?" הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער "אִיךְ קוּם דָא נָאךְ אַ פוּלֶע טָאג אַרְבֶּעטְן בַּיים וַואסֶער, אִיךְ הָאבּ בְּלוֹיז גֶעשְׁנִיטֶענֶע צְוַוייגְן..."

"מִיט אַ צוּשְׁנִיטֶענֶע שְׁלַאנְג!" הָאט אַבְּלַט אוֹיסְגֶערוּפְן וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעטְרָאפְן אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר. "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט שְׁמוּאֵל, דֶער אִיד הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הַיינְט".

"אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, אַבְּלַט" הָאט שְׁמוּאֵל צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט. "דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, אָבֶער אַ אִיד אִיז הֶעכֶער פוּן דִי מַזָּל, אוּן קוּק! עֶר אִיז



בילדער ח. שטיינבערג



דָא צוּרִיק. זָאג נָאר ר' אִיד, וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ הַיינְט גֶעטוּן?"

דֶער אִיד הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס וָואס אִיז אִים גֶעשֶׁען, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט: "יֶעדְן טָאג וֶוען עֶס קוּמְט מִיטָאג צַייט, גֵייט אֵיין אַרְבֶּעטֶער אַרוּם מִיט אַ גְרוֹיסֶע קָארְבּ אוּן יֶעדֶער לֵייגְט אַרַיין זַיין בְּרוֹיט, דֶערְנָאךְ מַאכְט מֶען צוּזַאמֶען אַ סְעוּדָה. הַיינְט, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אֵיין אַרְבֶּעטֶער אִיז גֶעזֶעצְן פַארְשֶׁעמְט אִין אַ זַייט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט מִיט גֶעבְּרֶענְגְט עֶסְן, הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל גֶעזָאגְט אַז הַיינְט וִויל אִיךְ זַאמְלֶען דִי עֶסְן, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַן אִיבְּרִיגֶע בְּרוֹיט פוּן מַיין טַאשׁ, אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶס אִיז זַיינְס, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן עֶר זָאל קֶענֶען מִיט עֶסְן מִיט יֶעדְן".

נָאכְן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט שְׁמוּאֵל אִים גֶעזָאגְט 'צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת' דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה אוּן וֶועגְן דֶעם בִּיסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט.

"אִיךְ וִויל אוֹיךְ גֶעבְּן צְדָקָה" הָאט וָואלְוִוי גֶעזָאגְט נָאכְן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה. עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי פֶּענִי מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, אוּן עֶס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי פּוּשְׁקֶע.



"אוֹיךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ טֵיילְן מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע שְׁפִּילְצֵייג אָדֶער נַאשׁ, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט".

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



פייגי לאנדא



העני בלום



משפחת ווערטהיימער



משפחת פרידריך היילפרין



יודל יאקאבאוויטש





ברכי און סימי בלעדי

# געמאלן

## א מעשה פון תפלה




שיקט אריין אייער מאלערי'ס:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

צירִי דֶערְצֵיילְט: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן מַיין בַּאבֶּע'ס הוֹיז, נָאכְן פוּצְן אִירֶע שַׁבָּת'דִיגֶע לַייכְטֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ טוּ יֶעדְן זוּנְטָאג פַארְמִיטָאג. גְלַייךְ וִוי אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶס טוּט זִיךְ לֶעבֶּעדִיג אוּנְטְן אִין הוֹיף מִיט דִי שְׁכֵנוֹת.

"אָהָ, צִירִי! מִיר הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף דִיר, קֶענְסְט קוּמֶען פַארְבְּרֶענְגֶען?"

"אֵיין מִינוּט, אִיךְ גֵיי פְּרֶעגְן מַיין מַאמֶע!"

אִיךְ בִּין אַרוֹיף אִין שְׁטוּבּ, בַּאגְרִיסְט אוּן גֶעבֶּעטְן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ אַרָאפְּצוּגֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען.

"קֶענְסְט אַרָאפְּגֵיין צִירִי, אָבֶּער נֶעם מִיט הֶענְדִי וַוייל זִי אִיז דָא זֵייעֶר לַאנְגְוֵויילִיג".

הֶענְדִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּלוֹיפְן הֶערְנְדִיג אִיר נָאמֶען: "טַאקֶע, אִיךְ בִּין לַאנְגְוֵויילִיג, וַוייל מַאמִי הָאט נָאכְנִישְׁט נָאךְ אַ מֵיידְל בֶּעיבִּי, אוּן נָתִי מִיט וֶועלְוֶועלֶע גֵייעֶן אִין חֵדֶר וֶוער אִיךְ לַאנְגְוֵויילִיג!"

"אִיז וָואס קֶענְסְטוּ טוּן אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט אַז מַאמִי זָאל גֶעבּוֹירְן נָאךְ אַ בֶּעיבִּי?" הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט.

"אִיךְ קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! יֶעדְן טָאג בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַאמִי זָאל גֶעבּוֹירְן נָאךְ אַ בָּאנְטְשׁ בֶּעיבִּי'ס - זִי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִירֶע הֶענְט - אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶעס פוּן מִצְרַיִם!"

אִיךְ אוּן הֶענְדִי הָאבְּן אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען דִי טְרֶעפּ צְוֵויי, צְוֵויי, מִיט עֶרְוַוארְטוּנְג. עֶס זֶעט אוֹיס אַז אוּנְטְן אִיז לֶעבֶּעדִיג.

"אָהָ, צִירִי אִיז דָא!" הֶער אִיךְ אוֹיסְרוּפְן.

"וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה?" הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט.

"מִיר זוּכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע בֵּייפַאל פוּן אַ בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג וָואס מֶען קֶען טוּן אִינְאֵיינֶעם - הָאט מַלְכִּי גֶעזָאגְט - אוּן סִימִי זָאגְט אַז צִירִי גְלִיק הָאט אֵייבִּיג מֶערְכְטִיג בֵּייפַאלְן!"

"בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶס אִיז נִישְׁט אִיךְ" - הָאבּ אִיךְ אִיר דֶערְמַאנְט - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַרַיין דִי מַחֲשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשְׁנְס מֹחַ".

"אִיז לָאמִיר טְרַאכְטְן" הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת אַרָאפְּזֶעצְנְדִיג זִיךְ אוֹיף דִי טְרֶעפּ.

"לֵייג אַרוֹיף דַיין פִינְגֶער אוֹיפְן שְׁטֶערְן עֶס הֶעלְפְט צוּ טְרַאכְטְן! - הָאט בְּלִימִי צוּגֶעלֵייגְט - הַא... הַא... הַא..."

"אָהָ, מֶען קֶען מַאכְן אַ פְּלֶעי!" אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן.

"יָא, דָאס אִיז גוּט!"

"אָבֶּער וֶועט וֶועט עֶס זֶען, אוֹיבּ יֶעדֶער וֶועט עֶס שְׁפִּילְן?" אִיז בְּלִימִי צוּרִיק גֶעוָוארְן עֶרְנְסְט.

"אָהָ, דָאס אִיז אַ שְׁטִיקְל פְּרָאבְּלֶעם..."

"וָואס קֶען מֶען טוּן?" הָאט גָאלְדִי גֶעפְרֶעגְט בַּאזָארְגְט.

"אָהָ, אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה - אִיז סֶערִי אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען - מֶען וֶועט זִיךְ צוּטֵיילְן אִין צְוֵויי גְרוּפֶּעס, אוּן יֶעדֶע גְרוּפֶּע וֶועט אָפְּשְׁפִּילְן אַ פְּלֶעי פַאר דִי צְוֵוייטֶע גְרוּפֶּע!"

"יֶעי, דָאס אִיז מֶערְכְטִיג!" חַיָ' גִיטִי הָאט גֶעקְלַאטְשְׁט מִיט דִי הֶענְט.

מֶען הָאט זִיךְ שְׁנֶעל צוּטֵיילְט אִין גְרוּפֶּעס, יֶעדֶע גְרוּפֶּע הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ וִוינְקְל וואוּ צוּ פְּלַאנִירְן דִי גְרוֹיסְאַרְטִיגֶע פְּלֶעי.

אוּנְזֶער גְרוּפֶּע, וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן: אִיךְ, חַיָ' גִיטִי, בְּלִימִי אוּן סֶערִי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעטְרַאכְט אוּן שְׁפֶּעקוּלִירְט, וֶועלְכֶע שֵׁיינֶע בַּאלֶערְנְדֶע מַעֲשֶׂה קֶען מֶען אָפְּשְׁפִּילְן?

"מֶען קֶען מַאכְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי אָרֶעמֶע פְרוֹי, וָואס הָאט גֶעהַאט נָאר אַבִּיסְל מֶעל צוּ בַּאקְן דְרֵיי בְּרוֹיטְלֶעךְ, אוּן זִי הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אֵיינְס אִיז גֶעפְלוֹיגְן אוֹיף דִי וַואסֶער..."

"אָהָ, אִיךְ קֶען דִי מַעֲשֶׂה - הָאט בְּלִימִי אוֹיסְגֶערוּפְן - עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן אִינְהַאלְטְסְפוּל!"

"אִיךְ בִּין דֶער אָרֶעמַאן!" - הָאט סֶערִי שְׁנֶעל גֶעכַאפְּט אַ רָאלֶע.

"צִירִי, דוּ קֶענְסְט זַיין דִי אָרֶעמֶע פְרוֹי, דוּ וֶועסְט עֶס קֶענֶען גוּט אַרָאפְּשְׁפִּילְן!" הָאט חַיָ' גִיטִי פָארְגֶעשְׁלָאגְן.

"מַסְכִּים, אִיךְ גְלַייךְ זֵייעֶר צוּ שְׁפִּילְן גֶעפִילִישֶׁע אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע שְׁטִיקְלֶעךְ".

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלַאנִירְן, וִויאַזוֹי אִיךְ גֵיי אַרָאפְּשְׁפִּילְן דִי אָרֶעמֶע עֶלְטֶערֶע פְרוֹי, וִוי זִי הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אוּן זִי קְרַאצְט צַאם אַבִּיסְל מֶעל...

אָהָ, אִיךְ קֶען נָאכְמַאכְן דִי עֶלְטֶערֶע שְׁכֵנָה פְרוֹי גֶערְלִיץ, וִוי זִי שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי... אוּן זִי רֶעדְט מִיט אַזַא אוּנְגֶערִישֶׁע אַקְצֶענְט... יֶעדֶער וֶועט לַאכְן... עֶס וֶועט זַיין לֶעבֶּעדִיג!

יָא, זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן? - הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפְרֶעגְט - מֶעג מֶען לֵיצָנוּת מַאכְן פוּן יֶענֶעמְ'ס גַאנְג, שְׁפְּרַאךְ אָדֶער בַּאוֶועגוּנְג וָואס אִיז אַבִּיסְל אִינְטֶערְסַאנְט, וַוייל מֶען וִויל אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַ מֶערְכְטִיג צִיעֶנְדִיגֶע פְּלֶעי?

נֵיין! חַס וְשָׁלוֹם!

אִיךְ גֵיי עֶס נִישְׁט טוּן, דִי מַעֲשֶׂה וֶועט פַארְלִירְן דִי גַאנְצֶע שֵׁיינְקֵייט, אֲפִילוּ מֶען קֶען זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה,

**ל. סאקס**

אָבֶער אוֹיבּ עֶס קוּמְט מִיט לֵיצָנוּת אִיז עֶס גָארְנִישְׁט וֶוערְד!!!

מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוּן אוֹיסְפְּרוּבִּירְט צוּזַאמֶען וִוי אַזוֹי צוּ שְׁפִּילְן דִי פְּלֶעי, סֶערִי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַפָּאר שְׁמַאטֶעס פוּן דֶערְהֵיים, זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעלְן אוּן...

"מִיר זֶענֶען גְרֵייט!"

"אוֹיךְ מִיר זֶענֶען גְרֵייט!" הָאט דִי צְוֵוייטֶע גְרוּפֶּע אוֹיסְגֶערוּפְן.

"אַייךְ קֶענֶען זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע!" הָאבְּן דִי צְוֵוייטֶע גְרוּפֶּע פַארְגִינֶען.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי פְּלֶעי.

אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי רָאלֶע פוּן דִי אָרֶעמֶע פְרוֹי מִיט דִי גַאנְצֶע זַאפְטִיגְקֵייט וֶוען פְּלוּצְלוּנְג הֶער אִיךְ:

"מֵיידֶעלֶעךְ זִיסֶע, אַזוֹי שֵׁיין שְׁפִּילְטְ'ס עֶנְק אִינְאֵיינֶעם. מַמָשׁ אַ נַחַת!"

אִיךְ הָאבּ גְרָאד דֶערְקֶענְט דִי אַלְטֶע טְרֵייסְלְדִיגֶע שְׁטִימֶע - דָאס אִיז פְרוֹי גֶערְלִיץ!

אַזַא נֵס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאצַייטְנְס גֶעכַאפְּט אוּן נִישְׁט לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן פְרוֹי גֶערְלִיץ, וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען זִי וָואלְט פְּלוּצְלוּנְג אַרַיינְשְׁפַּאצִירְט דָא אוּן גֶעזֶען וִוי יֶעדֶער לַאכְט אוּן זֶעט וִוי מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִיר. זִי וָואלְט זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, אוּן צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן לֵיצָנוּת וָואלְט נָאךְ צוּגֶעקוּמֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פַארְשֶׁעמֶען! שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן!

וֶוען אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין מַאמֶע דִי גֶעשֶׁעעֶנִישׁ הָאט זִי גֶעזָאגְט:

"מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ גוּטֶע עֵצָה זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן אַנְטְקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, וֶוען סְ'גְלוּסְט זִיךְ אַמָאל צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אָדֶער לֵיצָנוּת מַאכְן פוּן אֵיינֶעם, קֶען מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן, וִוי יֶענֶער הֶערְט זִיךְ אוּנְטֶער אָדֶער זֶעט וָואס מֶען רֶעדְט אוּן אַזוֹי אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ אַיינְהַאלְטְן."

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע! יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט דָארְט, וֶוערְט גֶעהֶערְט!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוּן הֶערְט אַלֶעס!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן עֶס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן!



# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



אסיפה אין צפת לטובת מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש על טהרת הקודש



אסיפה אין בית שמש לטובת מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש על טהרת הקודש



אינגעלייט כאפן אריין צו לערנען שיעורים כסדרן



סעודת ברית לבן מו"ה אלי קנאל הי"ו

קרעדיט: שמעון פיש, אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, אברהם אייזנער





וואכנאכט און ברית לבן מו"ה יואל משה פליישמאן הי"ו



דער נייער שמש אין שטעטל ביים עבודה



א שיעור פארן חתן משה האממער נ"י






ביים נייעם שטח הארט נעבן די שטעטל סקול






דער נייער ספר "ותחיין את הילדים" איז שוין ארויס פון דרוק





פרייליכע חתונה פון החתן אהרן דעפריס נ״ו



חתונה פון החתן שמואל קאהן נ״ו



ביים געבן א שיעור פאר די עלטסטע כיתה פון שטעטל



א שמועס נאכן שיעור ליל שישי אין בארא פארק



לחיים פון החתן אהרן בערגער נ״ו עב״ג בת
מו״ה שמחה סאלז הי״ו













**פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן משה האממער נ"י ליל ששי שלח**

קרעדיט: יוסי פרערויא


















**חומש סעודה אין קרית ברסלב זונטאג קרח**

# געלט גייט אדער ארויף אדער אראפ

און יאר 2015 למספרם האט די ברוינפן ברענעריי 'מעקעלען' ארויסגעגעבן א נייע וויסקי קאלעקציע מיטן נאמען 'פאָליאָ', די קאמפאני האט פראדוצירט בלויז צוויי טויזנט פלעשער פון די סארט וויסקי און ווער עס האט געוואלט קויפן האט זיך געקענט רעגיסטרירן אריינצוגיין אין א גורל צו קענען האבן 'די זכיה' צו קענען קויפן דעם פלאש.

ווען 'מעקעלען' האט ארויסגעלייגט דעם פלאש צום פארקויפן (על פי גורל) איז די פרייז פארדעם געווען **$250** א נישקשה'דיגע פרייז פאר א פרימיום באטל...

אין יאר 2020 למספרם האט די פלאש שוין געהאלטן אין די אוקשן הייזער (די קאמפאני האט פראדוצירט בלויז 2000 שטיק און ווער עס האט עס נאכדעם געוואלט קויפן, האט געמוזט זוכן איינער וואס איז גרייט צו פארקויפן זיין פלאש און דאס פלעגט פארקומען אין די באוואוסטע אוקשן הייזער) ביי די באמבאסטישע סכום פון **$15,000** פאר דעם פלאש!

**משה חיים** איז גאר שטארק באהאוונט מיט גוטע אינוועסטמענטס, ער טוט גרונטליך דורך די מארקעטע כסדר און מיט זיין געניט אויג כאפט ער אויף עכט גוטע אינוועסטמענטס - ער זיצט אויף שפילקעס, ער זעט ווי די באטל שטייגט אויסטערליש אין פרייז, ער קען חשבון גאנץ גוט, אויב ווען ס'איז ארויסגעקומען מיט פינף יאר פריער איז נאר געווען צוויי טויזנט שטיק, איז היינט זיכער דא אסאך ווייניגער... און על פי דרך הטבע גייט די פרייז נאר שטייגן פון יעצט און ווייטער.

אבער קיין צענער האט ער נישט פארמאגט צו קענען אליין אינוועסטירן, איז ער געלאפן צו זיין שוואגער וואס איז שוואך באקאנט מיט אינוועסטמענטס אבער אפאר טאָלער צו קענען איינשטעקן פארמאגט ער יא... האט אים זיין שוואגער משה חיים איבערצייגט 'זיי נישט קיין "צועק לשעבר" האנדל זיך שוין איין א פלאש ווייל דאס גייט נאר שטייגן און שטייגן אין פרייז, על פי דרך הטבע קען עס נישט פאלן! **ס'איז א גאלד גרוב!**

זיין שוואגער האט אינוועסטירט **דרייסיג אלפים** און זיך איינגעהאנדלט צוויי פלעשער.

און 2022 למספרם זענען די פלעשער ווערט געווען די שטוינענדע סומע פון **$23,000 פער פלאש!**

דער אינוועסטירער וויל ארויסקעשן, פארקויפן די פלעשלעך און זיך האלטן מיט די רווחים אבער זיין שוואגער האקט אים אין פלייצע 'דו ביסט אויפן קאפ געפאלן'? פארקויפן? וואס? א גאלד גרוב פארקויפט מען נישט!

למעשה אין יאר 2024 למספרם האט עס פלוצלינג געטראסקעט און איז געווארן ווערד בלויז **$12,000**! ער האט דערלייגט אויפן גאלד גרוב זעקס אלפים שווער פארדינטע געלט.

משה חיים קען נישט קוקן זיין שוואגער אין פנים אריין מער, ער זוכט יעצט א עכטע פארזיכערטע אינוועסטמענט וואס וועט בלויז וואקסן און וואקסן...




## ווא לייגסטו דיין געלט?

אינוועסט

אינוועסט ריכטיג!

investsright.com

*sruliHeskel

בס"ד

# מודעה משמחת

# חלק י"א

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן פאר אנ"ש אז
מיר גרייטן זיך שוין צו דרוקן ספר עצתו אמונה




**זכות בספר**

**$500**

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

מכון עצתו אמונה

| | |
|---|---|
| b•pay | AE12 |
| donary | donary.com/7495 |
| מטבע | Mechon Atzusoi Eminu |
| OJC FUND | 10505 |
| Zelle | maebreslev@gmail.com |

צו קויפן א זכות אינעם
ספר ווענדט אייך צו:

**מוה"ר שמואל אייכנשטיין הי"ו**
**917.589.3382**

*sruliHeskel